גליון
# באור החיים

פרשת שלח - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתל"ו

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי ה"וועד מסע הקודש"
לע"נ הטהורה של רבינו השרף האלקי מרן רבי **משולם פייש** בן רבי **מרדכי סג"ל וועלדא** זיעועכי"א
לרגל היומא דהילולא קדישא ביום כ"ח סיון הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **יחזקאל אמסעל** הי"ו (בארא פארק)
לע"נ אמו האשה החשובה מרת צבי' בת ר' משה דוד ע"ה - יארצייט כ"ה סיון
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## משה רבינו המשיך ליהושע אור גדול להינצל מעצת המרגלים

**ויקרא משה להושע בן נון יהושע.**

פירוש בתרגום יונתן כד חמא משה ענותנותיה קרא שמו יהושע.

פירוש בספרים הק', דמשה רבינו ראה ביהושע שיש לו מדת הענוה, והוא עניו גדול, אבל עכשיו כדי להתגבר על המרגלים ולא לילך אחר עצותיהם צריך להשתמש במדת הגבורה, לכן התפלל להשי"ת לקרב שתי הפכיים זה לזה, ופעל בתפלה להמשיך על יהושע אור גדול באור הכתר, דהאות יו"ד שהוסיף לשמו, הוא משם הוי"ה, דה"י משם הוי"ה הוא חכמה והקוצו של יו"ד הוא כתר, ושתי דברים הזאת הם אחד, ובזה מאיר עליו ספירת הכתר ובזה היה יכול לאחוז השתי מדות ביחד.

וזה היה כח של יהושע כל ימיו, דכל זמן שהוא נהג כלל ישראל היה זמנים טובים לישראל, כדכתיב (יהושע כד לא) 'ויעבוד ישראל את ה' כל ימי יהושע', וזהו הכח שקיבל יהושע ממשה רבינו על ידי שהתפלל עליו שהמשיך עליו אור גדול מספירת הכתר, וזה היה מאיר על בני ישראל כל ימיו שלא ליפול ממדריגתם הגדול.

(שפ"ק לך לך)

## עיקר עבודה לישראל הוא להאמין בהשגחת השם

**אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם וגו' אני ה' אלקיכם.**

דקדוק הרה"ק מ'בארדיטשוב זי"ע בספרו קדושת לוי, דלמה כפל הכתוב ואמר ב' פעמים אני ה' אלקיכם, וכתב על זה בזה"ל: 'הכלל כי אדם צריך תמיד להעלות על מחשבתו שכל דיבוריו ומחשבותיו ותנועותיו עושים רושם למעלה וכו', כי השם יתברך יודע מחשבות בני אדם ומשגיח תמיד בהשגחה פרטית על כל דרכי בני אדם, וזהו עיקר עבודת האדם, שאדם יעלה במחשבתו שהשי"ת משגיח עליו על דרכיו, וזהו אני ה' אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, ותעלה על מחשבתך אני ה' אלקיכם, אני משגיח תמיד על כל דרכיך'. עכלה"ק.

ופירש הדברים, כי לכך כופל הכתוב אני ה' אלקיכם, ללמד כי אחר שתאמין בה', ותבין כי אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, מה עליך לעשות, תזכור תמיד כי 'אני ה' אלקיך' המשגיח עליך ועל כל תנועותיך, שזהו כל עבודתו של אדם בעולם לזכור כי ה' עומד עליו ורואה את מעשיו.

(פתג"ק וירא)

פרנס פעולות האיחוד לחודש סיון
נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין שליט"א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' **חיים נחום** בן ר' **יהודה** ז"ל
יארצייט ביום **י"ב סיון** הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**צדיק, ווער עס איז א צדיק, ה' בכל דרכיו, באגלייט אים השי"ת אין אלע זיינע וועגן א גאנץ לעבן.**

(שיח"ק ח"ב ש"ח)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו (מאנטריאל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

## אז דער גוף דארף זיין בטל צו דער רצון הנשמה

**וידבר ה' אל משה לאמר שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען.**

אין ספה"ק אך פרי תבואה פון הרה"ק מליסקא זי"ע, איז ער מפרש די פסוק אויף דעם וועג, אז אנשים ווייזט אויף די נשמות, און דאס מיינט די פסוק, 'שלח לך אנשים', דער אייבערשטער שיקט אראפ די נשמות אויף די וועלט צו די גופים חומריות, כדי עס זאל זיין 'ויתורו את ארץ כנען', כנען איז א לשון פון הכנעה, דאס מיינט צו זאגן אז זיי זאלן זיך אויסלערנען דא די מדת הכנעה וענוה, ווייל די טבע הגוף איז להשתרר ולהתגאות, אזוי ווי חז"ל זאגן, 'ארבעה מיני גאים בעולם אדם מתגאה על כולם', און דער אייבערשטער שיקט אראפ די נשמה צו דער גוף, כדי אז דער מענטש דורך זיין עבודה זאל ער צוברעכן די כח הגאוה פונעם גוף, און ער זאל אים געווינען צו זיין נכנע און בטל צום רצון הנשמה.

דאס איז פשט און די ווערטער 'ויתורו את ארץ כנען', אז דער גוף וואס ווערט אנגערופן בשם 'ארץ' זאל צוקומען צו 'כנען' צו הכנעה וענוה, 'אשר אני נותן לבני ישראל', פאר דעם כוונה האב איך געגעבן די גוף פארן מענטש, כדי ער זאל אים מכניע זיין פארן רצון הנשמה.

און דאס איז די כוונה און די תכלית פון אלע ברואים, אז זיי זאלן זיך מכניע זיין אין מבטל זיין פאר די רצון הבורא, אזוי ווי עס שטייט 'וצבא השמים לך משתחווים', און ווי מער א מענטש איז מכניע דעם גוף פארן אייבערשטן, איז ער מער מקרב די תיקון השלם, וואס דעמאלטס וועט מקוים ווערן דער תכלית בשלימות, אזוי ווי אונז זאגן מיר, לפניך ה' אלוקינו יכרעו ויפולו ולכבוד שמך יקר יתנו, ויקבלו כולם את עול מלכותך, במהרה בימינו אמן.

(עבו"ע פתג"ק)

## אז מען וועט גיין אין די וועגן פונעם עלטער זיידן וועלן מיר פועל'ן אלעס גוטס

און אין דעם זכות וואס אונז וועל מיר גיין בדרכיו (רבינו השרף זי"ע בעל ההילולא) צו לערנען בהתמדה און כמובן צו לערנען אויף די אופן וואס ער האט געלערנט מיט יראת שמים, - אזוי ווי מען האט אויסגעקריצט אויף זיין מצבה, 'זכות תורתו אשר למד בעלצה יעמוד לנו לטובה', און אזוי ווי איך האב געזעהן ביי זיין זוהן דער הייליגער סב"ק זי"ע, אז זיין גאנצע לערנען איז געווען באימה וביראה, ביז זיינע אלע אברים האבן זיך געוואָרפן בשעת'ן לערנען, ווייל די עיקר תכלית פונעם לערנען איז צוצוקומען צו יראת שמים, - בזכות זה וועלן מיר פועל'ן אין זיין יומא דהילולא, ביי אונז דא, און סיי די וואס זענען זיך משתטח אויפן ציון הקדוש, אלע וועלן פועל'ן ישועות און רפואות, און די זכות פונעם צדיק זאל אונז באלייכטן, אז עס זאל מקוים ווערן דער פסוק זרח בחושך אור לישרים, ואך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, ושבתי בבית ה' לאורך ימים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

(עבו"ע שיח"ק ח"א בפרשתן)



# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יואל הערש פישער** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת אירוסי בתו עב"ג החתן שלום יוסף פערל נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### שלח לך אנשים.

זאגט רש"י הק' לדעתך, אם תרצה שלח.

לכאורה איז שווער א קשיא, אויב איז א גוטע זאך אז מען שיקט מרגלים, פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געהייסן שיקן, און אויב עס איז נישט קיין גוטע זאך, פארוואס טאקע האט דער אויבערשטער אים נישט צוריק געהאלטן פון שיקן?

נאר מען קען ענטפערן, עס שטייט מאתו לא תצא הרעות, דער אייבערשטער טוט נישט קיין שלעכטס, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער וועט נישט אריין גיין אין ארץ ישראל.

קומט אויס, אויב וואלט מען נישט געשיקט מרגלים וואלטן די אידן גלייך אריין אין ארץ ישראל, דאס איז א טובה פאר די אידן, אבער א שלעכטס פאר משה רבינו ווייל ער וואלט נפטר געווארן פריער.

און אבער ווען מען וועט יא שיקן מרגלים וועלן די אידן נישט אריין אין ארץ ישראל ביז פערציג יאר דאס איז א טובה פאר משה רבינו אז ער וועט נישט תיכף נפטר ווערן, אבער עס איז א שלעכטע זאך פאר די אידן, ווייל זיי וועלן דארפן זיין אין מדבר פערציג יאר, קומט אויס אז ווי אזוי מען וועט טוען וועט פאר איינעם נישט זיין גוט

דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו 'שלח לך' קענסט שיקן מרגלים דאס וועט זיין א טובה נאר פאר דיר, אבער דורך דעם וועט ארויס קומען א שלעכטע זאך פאר די אידן, ממילא קען איך דיר נישט הייסן שיקן, דעריבער 'שלך לך לדעתך'.

(פנינים יקרים)

### ויקרא משה להושע בן נון יהושע.

זאגט דער תרגום יונתן, אז ווען משה רבינו האט געזעהן אז יהושע איז א עניו, ער האלט זיך קליין, האט ער אים אנגערופן יהושע.

לכאורה וואס פאר א שייכות האט דער נאמען יהושע מיט זיך קליין האלטן.

נאר מען קען דאס פארענטפערן אזוי, עס שטייט אין מדרש, ווען עס וועט קומען די צייט פון תחיית המתים במהרה בימינו וועלן די מתים אויפשטיין לויט די א' ב', ד. מ. אז די מענטשן וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיטן אות א' וועלן אויפשטיין צו תחיית המתים בעפאר די מענטשן וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיטן אות ב'. אויסער די מענטשן וואס האבן זיך געהאלטן קליין, זיי וועלן אויפשטיין בעפאר יעדעם איינעם נישט לויט די רייע.

לויט דעם קען מען מסביר זיין דעם תרגום יונתן, אז ווען משה רבינו האט געוואלט רופן הוש"ע מיט'ן נאמען יהוש"ע האט ער געטראכט אז יהושע וועט האבן טענות צו אים, ווייל דורך דעם וועט זיין נאמען זיך אנהייבן מיטן אות יו"ד אנשטאט דעם אות ה' וועט ער דאך אויפשטיין צו תחיית המתים שפעטער, אבער ווען משה רבינו האט געזעהן אז ער איז א עניו וועט ער דאך ממילא אויפשטיין בעפאר יעדעם איינעם, קען מען אים שוין אנרופן מיט'ן נאמען יהוש"ע

(עבודת ישראל - בליקוטים)

### והערים בצורות גדולות מאוד.

זאגט רש"י ותרגומו, כרכין - לשון בירניות עגולות. אז די מרגלים האבן דערציילט פאר די אידן, אז אין ארץ ישראל געפינען זיך גרויסע רונדיגע פאלאצן. זייער כוונה דערמיט איז געווען, לויט ווי רש"י ברענגט אין פר' מצורע, פון חז"ל, אז די אמוריים האבן באהאלטן זייער פארמעגען אין די וואנט אויס מורא אז די אידן וועלן הנאה האבן דערפון ווען זיי וועלן אריינקומען. צוליב דעם האט טאקע דער אייבישטער געשיקט די נגעי בתים, ווייל אזוי איז אנטדעקט געווארן די אוצרות, און די אידן זענען נתעשר געווארן דערפון.

די הלכה איז (נגעים פלי"ב מ"א), אז אין רונדיגע הייזער איז נישטא דער דין פון נגעי בתים, דאס האבן די מרגלים געמיינט מרמז צו זיין פאר די אידן, אויב מיינט עטס אז מ'וועט נאך סוף כל סוף הנאה האבן פון זייער פארמעגן וואס ליגט באהאלטן אין די ווענט, ניין, ווייל 'והערים בצורות', דארטן זענען דא רונדיגע פאלאצן וואס ס'איז נישטא די הלכה פון נגעי בתים, דעריבער לוינט זיך נישט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, ווייל מען וועט קיינמאל נישט קענען באקומען זייערע פארמעגן.

(הגאון ר' שלמה קלוגער ז"ל)

### ויאמר ה' סלחתי כדבריך.

זאגט רש"י הק' כדבריך, בשביל מה שאמרת פן יאמרו כו'. לכאורה איז שווער וואס וויל רש"י זאגן דערמיט.

נאר מען קען זאגן די כוונה איז, ווייל די טענה פון משה רבינו איז געווען אז עס וועט זיין א חילול השם אז מען וועט זאגן אז כביכול קען זיי נישט אריינטראגן אין ארץ ישראל ח"ו.

לכאורה איז שווער דער אייבישטער קען דאך פונקט אזוי מאכן אז מען זאל נישט טראכטן אזוי.

קען זיין פשט, אז א צדיק'ס ווערטער מאכט א רושם אין הימל אזוי ווי עס שטייט (איוב כב, כח) 'ותגזור אומר ויקם לך', ממילא אז משה רבינו האט געזאגט עס וועט זיין א חילול השם וועט זיכער זיין.

דאס איז פשט אין רש"י, ווייל משה רבינו האט געזאגט אז עס וועט זיין א חילול השם, ממילא וועט מען מוחל זיין, אבער ווען משה רבינו וואלט ווען נישט אזוי געזאגט, וואלט דער באשעפער כביכול געמאכט אז עס זאל נישט זיין א חילול השם.

(קדושת לוי)

## א מעשה אויף די פרשה

### שלח לך אנשים ויתורו.

דער בריסקער גאון ז"ל האט אמאל געשיקט עטליכע משולחים צו גיין צוזאמקלויבן נדבות לטובת זיין ישיבה. די משולחים האבן זיך געלאזט וואויל גיין אויף דעם חשבון און זיך גערינגען א רייכן וואגן, און איינגעשטאנען אונטערוועגענס אין גרויסע רייכע האטעלן, אזוי ארום אז ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז אויסגעקומען אז דאס גאנצע געלט וואס זיי האבן צוזאמגענומען איז געגאנגען פאר זייערע אויסגאבן.

ווען דער גאון האט דאס געזען האט ער געזאגט בדרך צחות, 'יעצט פארשטיי איך שוין דעם פסוק שלח לך אנשים 'ויתורו', שיק אזעלכע מענטשן וואס עס זאל ביי זיי איבערבלייבן אויך..

### ורב חסד.

דער אפטער רב זי"ע האט דערציילט, אז ער איז אמאל איינגעשטאנען אין א אכסניא וואו דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אויך

איינגעשטאנען, שטייענדיג אונטער'ן טיר האט ער געהערט ווי דער צדיק רעדט צו זיך אליין: 'מיילעך מיילעך, דו ביזט נישט ווערד אויף גארנישט.' און דער הייליגע רבי ר' אלימלך זי"ע האט אזוי אויסגערעכנט אלע זיינע עבירות וואס ער האט (נישט) געטון, און איז געבליבן מיט'ן סך הכל אז ער וועט נישט זוכה זיין צו עולם הבא, צום שלוס האט ער אויסגעפירט, 'השי"ת איז דאך א גרויסער בעל חסד, ווי חז"ל זאגן, אז ער איז מלבוש ערומים, מבקר חולים, מנחם אבלים, אבער דאס איז אלעס גוט אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט איז דאך נישטא די אלע גשמיות'דיגע זאכן, דאן ווי אזוי איז השי"ת מקיים מצות צדקה אויף יענע וועלט, אז דער אויבערשטער וועט שענקן פאר מיילעכן אביסל עולם הבא, וועט ער דערמיט מקיים זיין מצות צדקה'...

## ויאמר ה' סלחתי.

דער הייליגער יהודי הקדוש זי"ע האט אמאל געזאגט, ווען איך בין געווען א קינד און איך האב געלערנט א' ב' ביי א מלמד, האב איך זיך געלערנט א גרויסן כלל, אז אויב צוויי אידן זיצן צוזאמען און טרינקען א גלעזעלע משקה, און יעדער איינער איז זיך מבטל פארן צווייטן, און האלט זיך נישט גרעסער פון יענעם, דאן איז דער אויבערשטער מוחל פאר זיי זייערע עבירות, ווייל ווען איך האב געפרעגט מיין מלמד וואס איז דאס א פינטעלע האט ער מיר געענטפערט: 'א יו"ד'. האב איך אים געפרעגט און וואס איז דאס צוויי פינטעלעך? האט ער מיר געענטפערט 'צוויי יודי"ן זענען דער הייליגער שם, דער נאמען פונעם אויבערשטן'.

שפעטער ווען איך האב געזען צוויי פינטעלעך איינס העכער דעם אנדערן, האב איך אויך געמיינט אז דאס איז א 'שם', האט מיר דער מלמד געזאגט דעם כלל, 'ווען די צוויי יודי"ן זענען גלייך, קיינער איז נישט העכער פונעם צווייטן, איז עס א ש"ם, אבער טאמער זענען די יודי"ן איינס העכער דעם צווייטן, איז דאס נישט קיין שם'.

פון דעם האב איך מיר געלערנט, אז אויב צוויי אידן זיצן צוזאמען, און קיינער האלט זיך נישט העכער פונעם צווייטן, דאן זענען זיי אין א בחינה פון א שם. און 'כוס' איז די ראשי תיבות פון 'ויאמר סלחתי כדברך', פעלט נאך דערפון דעם שם הוי"ה, און די צוויי אידן וועלכע טרינקען צוזאמען אויף דעם וועג, נישט האלטנדיג זיך גרעסער איינער פון צווייטן, זענען זיי משלים דעם שם, און דאן איז דער פסוק ווי עס דארף צו זיין: 'ויאמר ה' סלחתי כדברך'.




# דרשת הכנה למסע הקודש

## שהשמיע הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א
בהיכל ביהמ"ד אברכים - ביום א' שלח העעל"ט

מיר שטייען יעצט סמוך ונראה צו די גרויסע מסע הקודש צי די מקומות הקדושים, זיך משתטח צו זיין און זיך אויסגיסן דאס הארץ, אויף די הייליגע פלעצער, מקום מנוחתם פון אונזערע הייליגע רבי'ס, רבותינו הקדושים והטהורים שרפי מעלה, קדושי עליון, ווי עס פלאקערט דארט א אש קודש שלהבת י-ה.

## קריאה מעורר הזמן

אין די וואכעדיגע סדרה טרעפן מיר די מקור און די גרויסקייט פון זיך משתטח צו זיין ביי קברי אבות, בכל עת צרה וצוקה.

שטייט די וואך אין די סדרה, אז ווען די מרגלים זענען געגאנגען קיין ארץ ישראל, 'ויעלו בנגב, ויבוא עד חברון', פרעגט די גמרא (סוטה ל"ד:), ויבואו מבעי ליה, אמר רבא מלמד, שפירש כלב מעצת מרגלים, והלך ונשתטח על קברי אבות, אמר להם אבותי! בקשו עלי רחמים שאנצל מעצת מרגלים וכו'.

די תורה הקדושה לערנט אונז אז בשעת כלב בן יפונה האט געזען אז די מרגלים רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל, און ער האט מורא געהאט אז ער וועט מיטגעשלעפט ווערן מיט זיי, האט ער נישט געטראפן א אנדערע עצה, נאר ער האט זיך אפגעשיידט פון זיי, און ער איז געגאנגען זיך משתטח זיין אויף די קברים פון די אבות הקדושים, און ער האט זיי געבעטן אז זיי זאלן בעטן רחמים אויף אים, אז ער זאל ניצול ווערן פון זייער שלעכטע עצה.

פון דא איז איינע פון די מקורות אז ווען א איד דארף א ישועה, זאל ער גיין צו די קברי אבות, און זיך בעטן ביי זיי, אז זיי זאלן אויסבעטן פאר אים א ישועה.

און אזוי שטייט אין זוהר הקדוש 'אמר רבי אבא, האי דאמרו דצלתהון דמתייא מגינן על חיי, מנלן?' דאס וואס מען זאגט, אז די תפלה פון די מתים איז מגין אויף די לעבעדיגע מענטשן, פון ווי ווייסט מען דאס? זאגט די זוהר הק' 'דכתיב ויעלו בנגב ויבוא עד חברון'.

זעהן מיר ווי שני כתובים הבאים כאחד, סיי על פי נגלה, און סיי על פי נסתר, אז ווען א איד איז אין א עת צרה און ער דארף א ישועה, איז דאס בעסטע עצה, זיך משתטח צו זיין אויף קברי צדיקים, און זיי וועלן אים פועל'ן א זיכערע ישועה.

און אזוי ווי קריאה מעורר הזמן, דעריבער איז זייער פאסיג ארויס צו ברענגען די חשיבות און די גרויסקייט, פון אזא הייליגע נסיעה, פוקד צו זיין די הייליגע ציונים.

וועגן מען האט מיר געבעטן אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער, איבער די גרויסקייט פון די 'מסע הקודש' וואס כ"ק רבינו שליט"א האט אונטער גענומען צו פארן פוקד זיין דעם הייליגן ציון פונעם עלטער זיידע, דער מייסד פון אונזער שלשילתא קדישא, דער הייליגער שרף זי"ע, איז מיר גלייך אויפגעקומען אויפן געדאנק, וואס וואלט רבינו הקדוש זי"ע געזאגט אויף אזא נסיעה.

עס איז זיכער אז די אלע וואס האבן מיטגעהאלטן אין שנת תשס"ב די מסע הקודש, ווען רוב פונעם שטעטל זענען מיטגעפארן מיט רבינו הקדוש זי"ע, ווייסן גאנץ גוט וואס רביה"ק'ס מיינונג איז איבער אזא נסיעה, עס איז פשוט נישט איבער צו געבן מיט ווערטער, די הרגשים וואס באגלייטן אונז ביז'ן היינטיגן טאג, עס איז געווען הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא, זיין עבודה און זיין מאור פנים איז געווען למעלה מכל השגה, מען האט געזען אויף אים ווי גליקליך ער איז געווען, אז ער איז זוכה פוקד צו זיין דעם ציון פון זיינע הייליגע זיידעס.

איך וויל נאר מסביר פאר די וואס האבן דאס נישט מיטגעהאלטן, וואס דעם רבינ'ס מיינונג איז געווען איבער אזא נסיעה.

איך וויל נאכזאגן די הייליגע ווערטער וואס רבינו הקדוש האט געזאגט אין שנת תשמ"ב ביי די יארצייט פונעם עלטער זיידן כ"ח סיון, און עס איז געדריקט אין עבודת עבודה (שיחות קודש ח"ב עמוד שכ"ח), איך וועל נאכזאגן ווארט ביי ווארט עס זאל זיין שפתותיו דובבות בקבר, וכאילו בעל השמיעה עומד לפנינו, און כאילו ער אליין רעדט צו אונז די ווערטער.

דער רבי שרייבט אזוי, 'אני משיב לשואלים בתמיה, הלא כבר עברו כמה שנים שלא נסענו להשתטח על ציון קדשו של בעל ההילולא בניר-טאהש, ולמה לא נשתוקק לנסוע לשם, אחר אשר יש לנו שייכות גדולה כל כך אליו, וגם הרי שמי נקרא על שמו של בעל ההילולא, אבל באמת ענין השתטחות על ציון הצדיק הוא שהצדיק מצד עצמו לא היה צריך לטובתינו, אלא שהקב"ה נתן לנו הזכות לגרום תענוג ונייחא לנשמתו, כדי שעל ידי זה יהא לנו שייכות אליו, ובכח זה נזכה ליהנות מזכיותיו להפקד בדבר ישועה ורחמים.

וכדי שנזכה להתקשר אל הצדיק על ידי השתטחות, אנו זקוקים להכנה רבה וכוונה גדולה, כי צריכין הרבה סייעתא דשמיא שנזכה לדבר שם דיבורים קדושים בלב אמת, מ'זאל זיך קענען אויסשמועסן, ואי אפשר לזכות בזה ביום אחד וכו', וכל שכן שביום שאחריו ניסע כבר להשתטח לפולין לציון הרב רבי אלימלך מליזענסק זי"ע'.

רבינו הקדוש זאגט אונז, אז דאס פארן צום זיידנ'ס ציון, דאס איז א געוואלדיגע טובה פאר אונז, אז מיר זאל קענען זוכה זיין נהנה צו זיין פון זיינע זכיות, און געהאלפן צו ווערן מיט אלע ישועות ורחמים, און ער וואלט שטארק חשק געהאט צו פארן על קברי אבותיו, וואס ער האט געהאט צו זיי א גרויסע שייכות, איבערהויפט אז ער טראגט דעם נאמען פונעם עלטער זיידע,

נאר וואס דען אזוי ווי כדי צו פארן צו אזא הייליגע צדיק דארף מען א גרויס הכנה, און דאס איז אים שווער צו מאכן אין א קורצע צייט וועגן דעם קען ער נישט פארן.

ווי באקאנט אז אין שנת תשס"ב האט רבינו הקדוש זי"ע זיך אונטער גענומען א מסע הקודש, און רוב עולם זענען דעמאלטס מיטגעפארן, מען האט דעמאלטס געדינגען א אייגענע פליגער, מען האט זיך נישט געדארפט דרייען אין די ערפארט, און אין די מבואות המטונפות, די נסיעה איז געווען על טהרת הקודש, און רבינו הקדוש האט דעמאלטס געהאט א געוואלדיגע קורת רוח פון די מסע הקודש.

זייט יענע נסיעה איז דורכגאנגען 23 יאר, און אזוי ווי צרכי עמך מרובים, אידישע קינדער דארפן גרויסע ישועות בכלל ובפרט, בגשמיות וברוחניות, אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתה, ואין לך בית שאינו צריך ישועה, דעריבער האט דער רבי זז"ג זיך אונטער גענומען צו מאכן אזא מסע הקודש, אז אלע תלמידים וחסידים, זאלן פארן אינאיינעם כאיש אחד ובלב אחד, זיך אויסצובעטן פאר זיך און פאר זיינע קינדער, און פאר גאנץ כלל ישראל, להפקד בדבר ישועה ורחמים.

עס איז נישט קיין ספק אז רבינו הקדוש זי"ע בגבהי מרומים האט א געוואלדיגע נחת רוח פון די נסיעה, און ער וועט מיטפארן מיט אונז די גאנצע וועג, לשמרך בכל דרכך, און ער וועט איבער געבן אונזערע תפלות פאר זיינע זיידעס, און יעדער וועט פועל'ן אלעס גוטס, וימלא ה' כל משאלותינו במדה טובה ישועה ורחמים.

מען האט בעזהי"ת צו געשעטלט א פריוואטע פליגער, כדי די נסיעה זאל זיין ריין און לויטער, משומר מן המזיקים, די נסיעה וועט זיין כולו קודש, פון טאהש ביז טאהש, נאר מיט איין הפסק, מען וועט פארן צום ציון פונעם הייליג'ן רבי ר' אלימלך קיין ליזענסק, און פון דארט אהיים, מיט פעק מיט פיל ישועות.

## כי מציון תצא תורה

**שאלה:** איך וואלט געוואלט דורכשמועסן א שאלה וואס עטליכע חשוב יונגעלייט האבן מיר געפרעגט בתמימות, אזא שאלה. עס איז איינגעפירט אין אלע חסידות'ן אז מען לאזט זיך ארויס אויף א נסיעה צו קברי צדיקים, עס קען נעמען א גאנצע וואך, וויאזוי מעג מען דאס טון, עס איז דאך גורם א גרויסע ביטול תורה?

**תשובה:** אין אמת'ן איז די שאלה, א ערנסטע שאלה, און איך וויל שטערקער מאכן זיין שאלה, עס זענען דא פארשידענע מעשיות פון גדולי התורה וואס האבן געהאלטן אז מען זאל בכלל נישט פארן צו די מקומות הקדושים.

מען דערציילט אז דער גר"א איז אמאל געפארן צום ציון פון זיין מאמע אין טאג פון איר יארצייט, און ווען ער איז אהיים געקומען האט ער זייער געוויינט, און ווען מען האט אים געפרעגט לבכיה זו מהו עושה, וואס איז די סיבה פון זיין געוויין, האט ער געענטפערט, אז ווען איך בין אנגעקומען צום מיין מאמע'ס קבר האב איך איר געזען, ווי זי קוועלט פון שמחה, אז איר זון איז געקומען און געלערנט תורה לעילוי נשמתה.

האט מען אים געפרעגט, אויב אזוי פארוואס וויינט דער רבי, אדרבה ער וואלט דאך געדארפט זיין גליקליך און צופרידן.

האט ער געענטפערט, נאכדעם וואס איך האב געזען ווי די מאמע ע"ה האט זיך אזוי געפרייט ווען איך האב געלערנט ביי איר קבר, האב איך מיר מתבונן געווען אז במשך די נסיעה האב איך נישט געקענט לערנען מיט די זעלבע פלייסיג'קייט ווי געוועינדליך, במשך די נסיעה איז געווען פארשידענע מניעות צום לערנען, און ווען איך בלייב ווען אינדערהיים וואלט איך געלערנט פלייסיגער, וואלט מיין מאמע זיכער געהאט א גרעסערע נחת רוח, וועגן דעם וויין איך, און איך האב חרטה אז איך בין געפארן, און פון דעמאלטס אן איז ער מער קיינמאל נישט געפארן צו איר קבר.

אזוי אויך דערציילט מען אז א בחור האט געפרעגט דעם חזון איש, אז זיין טאטע ליגט אין ירושלים און ער וויל פארן צו זיין טאטנ'ס ציון אינעם טאג פונעם יארצייט, האט אים דער חזו"א געפרעגט פארוואס ווילסטו זיין ביים דיין טאטנ'ס ציון, האט דער בחור געענטפערט, ווייל עס שטייט אין די ספה"ק אז די נשמות האבן א גרויסע הנאה ווען די קינדער קומען צו זייער קבר, דעריבער וויל ער אויך מהנה זיין מיין טאטע.

האט אים דער חזו"א געזאגט, זאלסט וויסן, אז דיין טאטע וועט האבן א גרעסערע נחת רוח אז דו וועסט בלייבן אין די ישיבה, און זיצן און לערנען פלייסיג אין די צייט.

אויב אזוי פרעגט זיך טאקע די שאלה, פארוואס זעט מען אין די גאנצע וועלט גדולים וטובים, אז מען פארט צו קברי צדיקים, און אין די צייט קען מען נישט לערנען די שיעורים תמידים כסדרן?

איך שטעל מיך פאר אז די שאלה, דרייט זיך אין קאפ פון אסאך מענטשן, און עס איז כדאי דאס קלאר צו מאכן.

שלמה המלך זאגט אין שיר השירים (ז', ב') 'מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב', דאס גייט ארויף אויף די אידן וואס האבן עולי רגל געווען, דער אייבערשטער זאגט 'מה יפו פעמיך' ווי שיין איז די פיסטריט פון די אידישע קינדער ווען זיי זענען געגאנגען עולה רגל זיין, דער אייבערשטער מיט די גאנצע פמליא של מעלה, שטאלצירן מיט דעם וואס די אידישע קינדער האבן זיך ארויס געלאזט אויף די וועגן און שטעגן, עולה רגל צו זיין.

האט רבי מרדכי'לע טשערנאבל'ער זי"ע געזאגט, דאס איז געווען בשעת שבית המקדש היה קיים, ווי איז היינט דער 'מה יפו פעמיך בנעלים'? האט ער געזאגט, אז דאס גייט ארויף אויף די וואס פארן צו די צדיקי אמת, און צו די קברי צדיקים, ווען דער אייבערשטער זעט וויאזוי די אידישע קינדער לאזן זיך ארויס אין די שטעגן און אויף די וועגן, עולה רגל צו זיין צו די קברי צדיקים, שטאלצירט ער און ער זאגט 'מה יפו פעמיך בנעלים'.

דער ר"ן שרייבט אין זיינע דרשות (דרשות הר"ן דרוש השמיני) עס איז נישט קיין ספק אז א איד דארף גלייבן, אז אזוי ווי בזמן שביהמ"ק היה קיים, איז געווען די

בית המקדש, די פארהייליגסטע פלאץ, א פלאץ וואס האט משפיע געווען השפעות פון חכמה און פון קדושה, און אלע הייליגע השפעות, דאס זעלבע איז מיט די חכמים און צדיקים וואס זיי האבן אין זיך די קדושה פונעם בית המקדש, ווייל זיי זענען די וואוינונג פון די שכינה, און זיי קענען משפיע זיין השפעות פון חכמה און פון קדושה, און אלע הייליגע השפעות, פונקט אזוי ווי די בית המקדש, און נישט נאר ווען זיי לעבן, נאר אויך נאך זייער הסתלקות באקומט זייער ציון א קדושת בית המקדש, און זיי קענען משפיע זיין השפעות פון חכמה און קדושה, און אלע השפעות טובות.

קומט אויס אז ווען מען גייט פוקד זיין א ציון פון א צדיק אמת, איז עס אזוי ווי מען גייט עולה רגל זיין צום בית המקדש.

לויט דעם דארף מען לכאורה פארשטיין, וויאזוי האט די תורה הקדושה געגעבן די מצוה פון עולה רגל זיין, עס איז דאך זיכער אז בשעת מען איז עולה רגל, אזא לאנגע וועג, קען מען נישט עוסק זיין אין די תורה, אזוי ווי מען איז אינדערהיים, איז עס דאך לכאורה ביטול תורה.

נאר וואס דען, די חז"ל זאגן 'פעמים שביטולה של תורה זה הוא קיומה', עס זענען דא אופנים וואס א מענטש דארף מבטל תורה זיין, דאס איז ווען די ביטול תורה ברענגט מען זאל מקיים זיין די תורה, מען זאל זיין דבוק אין די תורה, און אין דעם הייליגן בורא.

ווען א איד איז געקומען צום בית המקדש איז דאס געווען א 'קיומה של תורה', מען האט זיך אויסגעוואשן דאס הארץ, מען האט מקבל געווען קבלות טובות, וואס דאס האט אים באגלייט אויפן זיין גאנץ לעבן, ממילא איז דאס נישט קיין ביטול תורה, אדרבה דאס איז קיומה של תורה.

דאס זעלבע איז ווען מען גייט עולה רגל זיין צו קברי צדיקים, וואס דאס איז א בחינה פון עולה רגל זיין, דאס ברענגט אריין קדושה וטהרה און יראת שמים, דאס ברענגט אהבת התורה, און אמונה טהורה, און דאס וועט אים באגלייטן זיין גאנץ לעבן, ממילא איז דאס נישט קיין שאלה פון ביטול תורה, דאס איז א קבלת התורה.

אדרבה מען גייט בעטן פון די הייליגע צדיקים, אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף אונז, אז מיר זאל זוכה זיין צו זיין דבוק אין די תורה, 'והאר עינינו בתורתיך, ודבק לבינו במצותיך, ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך', און מיר זאלן זוכה זיין 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים', קומט אויס אז דאס פארן צו די הייליגע ציונים איז מרבה תורה, מרבה אהבת התורה, און מרבה דביקות בתורה.

דער שדי חמד (מערכת ארץ ישראל אות א') ברענגט פון ספר שדה הארץ, 'עס איז דא א מצוה זיך משתטח צו זיין אויף קברי הצדיקים, אבער דאס איז נאר ווען מען פארברענגט נישט די צייט אין די טעג.' שרייבט דערויף דער שדי חמד וז"ל, 'אין אמת'ן איז ער זייער גערעכט, אבער דאס איז נאר ביי א תלמיד חכם וואס האט זיינע שיעורים אינדערהיים, און אז ער וועט פארן וועט ער זיכער נישט קענען לערנען אינטערוועגנס, אבער אויב ער קען משלים זיין זיינע שיעורים אינטערוועגנס, איז א מצוה אז ער זאל פארן'. און ער פירט אויס, אז דאס איז נאר א תלמיד חכם, 'אבל לכל העם ודאי חיובא רמיא להשתדל להשתטח על קברי הצדיקים כי זכות גדולה היא', דאס מיינט איינער וואס איז סיי ווי מבטל תורה, איז א חיוב צו גיין אמאל אמאל צו קברי צדיקים.

מיר לעבן היינט אין א שרעקליכע תקופה, די נסיונות הדור זענען געפערליך, און עס איז נישט מעגליך זיך צו קענען האלטן נאר ווען מען האט א קשר צו די פריערדיגע צדיקים, ווי מער מען איז מקושר צו צדיקים פון די פריערדיגע דורות, איז מען מער פארזיכערט אז מען זאל זיך קענען האלטן, איבער דעם איז א געוואלדיגע תועלת, ווען מען פארט אמאל אמאל צו די ציונים פון צדיקי אמת, זיי וועלן אים היטן, און זיי וועלן אים שיצן.

עס איז דא נאך א גאנצע וואך ביז מען וועט זיך אי"ה ארויס לאזן צו די מסע הקודש, דארף יעדער מאכן די ריכטיגע הכנות, און מקבל זיין אויף זיך אז מען וועט משלים זיין די שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג, און אויף אזא נסיעה איז געזאגט געווארן 'כי מציון, תצא תורה', פון פארן צו אזא הייליגע ציון, 'תצא תורה' וועט אי"ה ארויס קומען אסאך תורה, 'ודבר ה' מירושלים' האסט א ראיה צו דעם פון 'ירושלים' וואס די תורה הקדושה האט געשריבן מען זאל עולה רגל זיין קיין ירושלים.

ווען מען פארט אזא נסיעה דארף יעדער מיטנעמען די דפים גמרא וואס מען לערנט בקביעות, אין די חבורה מזון הנפש, אדער אין אנדערע דפים, דער עיקר איז אז די נסיעה זאל ברענגען צו לימוד התורה, און אהבת התורה, און אמונה טהורה.

רבי מאיר קליערס זצ"ל דער רב פון טבריה, זאגט אז אויסערדעם וואס עס זענען דא אין דעם ענין פון גיין צו קברי אבות, גרויסע סודות און געוואלדיגע ענינים, איז דא אין דעם א טעם על פי פשטות, ווייל דאס גיין מתפלל זיין ביי די צדיקים, ברענגט ארויס די אמונה אינעם אייבערשטן און אין די צדיקים.

לא מיבעיא די וואס גייען צו די קברי צדיקים, ווייל מען וויל זיין מקושר צו די צדיקים, וואס דאס ברענגט ארויס די אמת'דיגע אמונה 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו' ובעבדיו הנאמנים, נאר אפילו ווען איינער גייט צו קברי צדיקים ווען ער האט עפעס א צרה, דאס ווייזט אויך זיין אמונה בה' ובמשה עבדו, אז מען גלייבט אז דורך די תפלה ביי צדיקים העלפט דער אייבערשטער.

איבערהויפט ווען מען גייט צו די קברי צדיקים פון די פריערדיגע דורות, וואס מען האט זיי בכלל נישט געזען, וואס דאס ווייזט ארויס גאר שטארק די אמונה אין די צדיקים.

מען זאגט נאך פון צדיקים אז מיטן פארן צו קברי צדיקים, איז מען שוין א געהאלפענער, ווייל דאס עצם פארן איז א ישועה פארן מענטש און פאר זיינע קינדער, ווייל דאס ברענגט אריין אמונת צדיקים, און אמונה פשוטה, וואס דאס איז די עיקר יסוד פון די אידשקייט, זיין מקושר מיט די פריערדיגע צדיקים, ואין לך תשועה

גדולה מזו.

## ולקחת מראשית פרי האדמה

דער הייליגער דברי חיים זי"ע טייטשט דעם פסוק (פרשת כי תבוא) 'ולקחת מראשית פרי האדמה, אשר תביא מארצך, ושמת בטנא', זאגט ער אזוי, 'ראשית פרי האדמה' אויף א נייע פרי האט א מענטש א שטארקע השתוקקות, א איד דארף מקדש זיין יעדע נייע השתוקקות וואס ער שפירט, אבער עס איז נישט גענוג אז ער האט א השתוקקות, נאר וואס דען 'ושמת בטנא', לייג עס אריין אין א כלי, עס זאל בלייבן אויף אייביג.

ס'קען זיין א רמז 'ראשית פרי האדמה' אז דאס גייט ארויף אויף די צדיקים וואס ליגן אין די ערד די שוכני עפר, אז מען זאל נעמען די אלע ברכות פונעם צדיק אין אריין לייגן אין א כלי, מען זאל עס חלילה נישט פאלירן אינמיטן וועג, עס זאל בלייבן א כלי מחזיק ברכה.

מען זאגט נאך פון צדיקים אז יעדער וואס פארט צו די מקומות הקדושים ווערט געהאלפן, נאר איינער נעמט מיט די ישועה ביז צו זיין שטוב, און איינער לאזט עס איבער אונטערוועגנס, עס ווענדט זיך ווי ער האט אריין געלייגט די הייליגע השפעות.

*

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל קענען מאכן די ריכטיגע הכנה צו אזא הייליגע נסיעה, און וויסן וואס צו בעטן, מען זאגט אין די סליחות 'הב לן שאילתין, ובעותין, דלא נהדר ריקן מקדמך', דער פשוט פשט איז, אז דער אייבערשטער זאל אויסהערן אונזערע בקשות. צדיקים האבן געטייטשט, אז די כוונה איז, מען בעט זיך ביים באשעפער, גיב אונז די זכיה אז מען זאל וויסן וואס צו בעטן, מיר געפונען זיך אין אזא שווערע דור, מען ווייסט אפילו נישט וואס צו בעטן.

יעדער זאל איינרייסן און מעורר רחמים זיין, געהאלפן צו ווערן מיט בני חיי ומזוני.

## "בני"

בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, ערליכע קינדער וואס זאלן גיין בדרך הישר והטוב, עס זענען דא ליידער אסאך טאטעס וואס קענען נישט שלאפן קיין נעכט, צוליב זייערע קינדער, וואס פארקריכן למחצה לשליש ולרביע.

עס זענען דא עלטערן וואס שלאפן נישט ביינאכט, ווייל זיי דארפן שידוכים פאר די קינדער, אונטער יעדע עלטערע בחור איז דא א טאטע און א מאמע, וואס מאכט נאס די קישן, רבש"ע וואס וועט זיי מיט א שידוך.

עס זענען דא יונגעלייט וואס איז עולם חשך בעדם, זיי שרייען 'והילד איננו, ואני אנה אני בא', זיי ווילן זוכה זיין צו האבן קינדערלעך.

## "חיי"

עס זענען דא אסאך אידן וואס דארפן ישועות און רפואות, עס זענען ליידער דא אידן וואס וואלגערן זיך אין די שפיטעלער פאר יסורים, און זיי בעטן זיך רפאינו ה' ונרפא, דארפן מיר בעטן 'שלח רפואה שלימה לחולי עמך', און בעטן 'שהחולים יתרפאו, והבריאים שלא יחלו'.

עס זענען ליידער דא אסאך צובראכענע אלמנות, און קליינע יתומים ויתומות וואס זייער לעבן איז רח"ל נישט קיין לעבן.

## "ומזוני"

אסאך מענטשן הייניגע צייטן מיטשענען זיך מיט זייער פרנסה, דער יקרות איז גרויס, און די פרנסות זענען קליין, ואין הקומץ משביע את הארי החי.

ועל כולם דארף מען בעיקר בוקע רקיעים זיין אויף די גאולה שלימה, און אויף די צער פון שכינתא בגלותא, עס זאל בטל ווערן די חבלי משיח, מיר שטייען יעצט אין א שרעקליכע שווערע מצב, סיי בגשמיות און סיי ברחניות, די גאנצע וועלט שאקעלט זיך, די אידן אין ארץ ישראל לעבן אין א געוואלדיגע פחד, זיי זענען אין אימת מות יעדע מינוט, בחוץ תשכל חרב, בחדרים אימה, איך האב היינט גערעדט קיין ארץ ישראל, און אינמיטן רעדן האט זיך צופיפן א סערין, און עס האט מיר אנגעכאפט א ציטער און א שוידער, עס לאזט זיך גארנישט זאגן וואס פאר א פחד עס פאלט אויף אחינו בני ישראל, און די סכנה איז זייער גרויס.

עס האט שוין ליידער געקאסט אסאך אידישע קרבנות, און אסאך פארוואונדערט, ומי יודע מה יולד יום.

דאס איז אלץ בגשמיות, וואס מיט דעם האט יעדער מיטלייד, יעדער ווער עס הערט אזא נייעס, האט מיטלייד און עס טוט אים וויי.

אבער לײדער די צרה ברוחניות איז אסאך שטערקער, ליידער זענען דא אסאך מענטשן, וואס זיי האבן הנאה פון די כוח פון די ציוני'סטישע מיליטער, וואס זייער כוחי ועוצם ידי אפאראט ארבעט אויף אלע פראנטן, א איד א מאמין בד' ובתורתו, טאר נישט אזוי טראכטן, מען דארף וויסן אז דאס איז א מרידה במלכות שמים.

מען טאר נישט פארגעסן אז די זעלבע מיליטער, וואס שיסן באמבעס אויף די אראבישע לענדער, זיי זענען די וואס שיסן באמבעס אויף אונזערע ברידער אחינו בני ישראל, וואס זיצן און לערנען אין די ישיבות און אין די כוללים אין ארץ ישראל, זיי האלטן און איין שיסן באמבעס אויף די חרדי'שע אידן אין ארץ ישראל, און זיי ווילן זיי אריין צווינגען צו דינען אין זייער מיליטער וואס דאס איז דער שמד אפאראט פון די ציונים.

מען פארט יעצט צו די הייליגע צדיקים, טאר מען נישט פארגעסן מתפלל צו זיין אז אחינו בני ישראל הנתונים 'בצרה' וואס דאס איז די סכנת מות, פון די באמבעס וואס האלטן אין איין פאלן, 'ובשביה' דאס איז די בלבול המוחות, דאס גייט ארויף אויפן דעת וואס איז לײדער אין געפענגעניש, אז 'המקום ירחם עליהם ויצילם מצרה לרווחה, ומאפילה לאורה, שלא תאבד שארית יעקב', און אין די זכות הצדיקים הקדושים וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט פון ביטערן גלות, עדי נזכה בקרוב לביאת משיח צדקינו, ורבינו בראשינו, בב"א.

# דרשת הכנה למסע הקודש

### שהשמיע הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו קרית יואל שליט"א
### בהיכל בית מדרשינו קרית יואל - ביום ב' שלח העעל"ט

## נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה'

מען האט געליינט פאריגע וואך אין די פרשה, משה רבינו זאגט נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה'. שטייט א פשט פון הייליגן ר' משה'לע קאברינער זי"ע האט ער געזאגט, נוסעים אנחנו, אונז פאר מיר צו א מקום, צו אזא פלאץ, אשר אמר ה' וואס מען רעדט פון גאט ברוך הוא, צו אזא פלאץ פאר מיר אונז.

אונז גיי מיר האבן אי"ה די געוואלדיגע זכי', צו פארן קומענדיגע וואך מיט'ן רבי'ן זאל זיין געזונט אינאיינעם, אל המקום אשר אמר ה', מקום שהתפללו בו אבותי, שטייט אין פסוק אין קהלת, וזרח השמש ובא השמש ואל מקומו שואף זורח, שטייט פון צדיקים, וזרח השמש, ס'קומט אראפ א צדיק אויף די וועלט און ער דינט דעם אייבערשטן מיט מסירת נפש, ובא השמש, קומט א צייט וואס דער אייבערשטער וויל און דער צדיק'ס נשמה גייט ארויף צוריק אויבן אין הימל, ואל מקומו, אויף דעם מקום וואס דער צדיק האט געדינט דעם אייבערשטן, שואף זורח, דארט בלייבט איבער די אור הקדושה פונעם צדיק און ס'שיינט שפעטער אויך, די אור פון א צדיק שיינט אויף די גאנצע וועלט, איבעראל וואו תלמידים חסידים קומען זיך צוזאמען און מען רעדט פונעם צדיק און מען פרובירט מיט'ן אייבערשטנס הילף צו גיין בדרכיו פונעם צדיק, איבעראל איז דא די אור, אבער נאך א גרעסערע כח הקדושה איז דא, 'ואל מקומו' אויף דעם מקום וואס דער צדיק האט געדינט דעם אייבערשטן. נסיעת צדיק מן המקום עושה רושם לאזט איבער א רישומא דקדושה אויף די פלאץ. דאס איז א זאך וואס איז לעד ולנצח נצחים, ס'איז א זאך וואס האט א קיום אויף שטענדיג.

וועל מיר האבן א זכיה צו גיין אויף דעם פלאץ, די הייליגע צדיקים האבן זיך מוסר נפש געווען פאר כלל ישראל און זיי האבן מקבל געווען אויף זיך גלגול שלג, די פלאץ וואו מען האט גע'פועל'ט ישועות וועל מיר האבן א זכיה צו גיין מתפלל זיין אויף מקום שהתפללו בו אבותי' און גיין מתפלל זיין אויף די קברי הצדיקים.

## שלא יצטערו המתים

ס'שטייט אין שאלות ותשובות מהר"ם שיק, פרעגט ער א שאלה ווי אזוי קען מען גיין מתפלל זיין אויף קברי צדיקים, ס'שטייט דאך לא יהיה לך אלהים אחרים, דרש'נען חז"ל אז מען זאל נישט מאכן קיין שום אמצעי צווישן אונז און צווישן השי"ת, מען דארף נישט בעטן נישט מלאך מיכאל און נישט מלאך גבריאל אז זיי זאלן זיין א אמצעי, יעדער איד קען אליינס צוקומען צום אייבערשטן מתפלל זיין, פרעגט ער נו אויב אזוי ווי קען מען גיין אויף קברי צדיקים מתפלל זיין אז די נשמות פון די צדיקים זיי זאלן מתפלל זיין פאר אונז?

זאגט ער די הייליגע חכמים זאגן אונז אז די מתים זענען זיך מצטער בצער החיים, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק וירעו לנו המצריים ולאבותינו, די מצריים האבן אונז שלעכטס געטון און נישט נאר פאר אונז נאר פאר אבותינו פאר אונזערע עלטערן, אידן זענען געווען אין מצרים אונטער'ן גלות אונטער'ן קושי השעבוד האבן די אבותינו וואס זיי זענען שוין געווען בגנזי מרומים האבן זיי זיך דעמאלטס מצער געווען מיט די צער פון אידישע קינדער, זאגט ער, אפילו אונז פארשטיי מיר נישט, אונז זעמיר נישט משיג וואס דאס מיינט אז אבותינו אין קבר האבן צער ווען זייערע קינדער און אייניקלעך האבן צער דא אויף די וועלט, אבער אוודאי איז דאס אמת ויציב כדברי חז"ל.

ממילא קומען די לעבעדיגע, קומען צו די קברי מתים צו זאגן אז זיי האבן נישט קיין ישועה, און די צדיקים האבן דאך נישט קיין מנוחה ווי לאנג מען וועט זיך נישט מרחם זיין מן השמים אויף אונז, ווייל די מתים זענען זיך מצטער, איז כדי אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף די צדיקים אשר בארץ המה אז זיי זאלן נישט דארפן האבן קיין צער, קומט מען אויף זייערע מקומות מתפלל זיין, כדי זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון זייער צער, ווייל זיי האבן צער ווען אידישע קינדער דא האבן צער. ממילא איז זייער א גרויסע זאך אז מען גייט מתפלל זיין אויף קברי צדיקים.

## די השראת השכינה

א אינטערעסאנטע זאך שטייט פונעם גר"א, דער ווילנער גאון זי"ע, כאטשיג דארטן אין יענעם חדר איז נישט געווען אזוי די מנהג צו גיין אזוי אויף קברי צדיקים, זאגט ער אבער א לשון דער ווילנער גאון, אז בזמן שאין צדיקים בדור און די שכינה הקדושה האט נישט קיין פלאץ וואו צו רוען רוהט די שכינה הקדושה אויף די צדיקים ישיני עפר, נמצא, קומט אויס אז אין דעם מקום מנוחת הצדיקים דארט איז א מקום פון השראת השכינה, דארטן וואו מען גייט מתפלל זיין אויף קברי צדיקים.

## די כח האמונה

ס'שטייט אין ספר מחנה לישראל פונעם טבריא רב הרה"ג ר' משה קליערס זצ"ל, זאגט ער, הגם ווען מען גייט אויף קברי צדיקים איז דא דערין סודות נוראים, אבער על פי נגלה קען מען זאגן אן אנדערן טעם, זאגט ער, ס'איז דא וואס גייען אויף קברי צדיקים מתפלל זיין ווען מען האט א צרה, ס'איז דא וואס גייען מתפלל זיין פאר'ן כבוד פונעם צדיק, אבער סוף כל סוף, בדרך כלל, פארוואס גייט מען מתפלל זיין אויף קברי צדיקים, איז ווייל מען גלייבט אין די זכות פון די צדיקים ישני עפר, ממילא זאגט ער אז די אמונה וואס מען גלייבט אין צדיקים

אחר פטירתם, איז נאך אסאך מער ווי די אמונה אין צדיקים בחיים חיותם, ווייל ס'איז אינו דומה ווען מען גייט צו א צדיק בחיים חיותו און מען זעט דעם צדיק פנים אל פנים, און ס'איז א בחינה פון והיו עיניך רואות את מוריך, ווען מען זעט א צדיק פאלט ארויף אויף א מענטש א יראה און א פחד, ווייל ער זעט די שכינה, ער שפירט דעם קדושה וואס איז דא אויפ'ן פנים פונעם צדיק, אבער די צדיקים שוכני עפר וואס אונז האמיר נישט זוכה געווען צו קענען בחיים חיותם, די דורות שפעטער וואס מען גייט אויף זייערע קברי צדיקים מתפלל זיין נאר פאר דעם ווייל מען האט געהערט פון די צדיקים, און מען האט אמונה אין די צדיקים לאחר פטירתם, ובפרט אז מען איז מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות, און מען פארט אזא לאנגע וועג און מען לאזט זיך קאסטן טירחא דגופא טירחא דגברא, און מען גייט מתפלל זיין אויף די צדיקים נאר צו זען זייער ציון, און די כבוד פון די צדיקים, און מען גלייבט אין זייער כח, זאגט ער מיט דעם זכות גייט מען פועל'ן ישועות, און דאס איז די געוואלדיגע שכר פאר'ן גיין מתפלל זיין אויף קברי צדיקים, די כח פון אמונה אז מען גייט מתפלל זיין אויף זייערע קברים.

## די כח התשובה

ס'שטייט אין עירין קדישין פון הייליגן ריזשינער זי"ע, זאגט ער, די וועלט איז געוואוינט צו זאגן אז פון 'נישט פארן האט מען נישט חרטה', וואס פשטות מיינט די כוונה אז מען פארלירט נישט קיין געלט און מען פארלירט

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**שלמה הלוי** ני"ו

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
**טויבא** תחי'

שתתקיים אי"ה בשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ויצא פרח ויצץ ציץ" (קרח)
כ"ט סיון אור ליום ל' א דר"ח תמוז תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 7:00 והחופה בשעה 8:00

באולם תפארת עלקא
2 סקול טעררעס, מאנסי, ניו יארק

ואי"ה ביום שמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי הכלה | הורי החתן |
|---|---|
| יעקב יחזקי' וועבער ובו"ב | מאיר הלוי שווארטץ ובו"ב |
| מאנסי יצ"ו | ברוקלין יצ"ו |

בס"ד

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון קול חתן וקול שמחה וקול כלה

ברוב שבח והודאה לבוית"ש שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, הננו מתכבדים בזה להזמין בקריאה של חיבה
את מעלת כבוד קרובינו וידידנו לבוא ולהשתתף ולקחת חבל בשמחת כלולת צאצאינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**יוסף חיים יצחק** ני"ו

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
**רייזא** שתחי'

שתתקיים הבע"ל למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר ... 26th June '25
באולם פרדס יהודה
26 Lampard Grove, London, N16 6NB
קבלת פנים 6:30 חופה 7:15
שמחת חתן וכלה 10:00

ויהא רעווא מקדם אביהון דבשמיא שיהי' שמחות גם אצליכם
ונזכה לשמחת עולם על ראשינו במהרה בימינו

| הורי הכלה | הורי החתן |
|---|---|
| לוי יצחק גילבער וב"ב | יואל יהודה לייבוש שטרולשטיין וב"ב |

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו
הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי
כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א
כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

נישט קיין צייט, מען זיצט אינדערהיים און מען איז באקוועם, פון נישט פארן האט מען נישט חרטה.

זאגט אבער דער הייליגע ריזשינער זי"ע פשט פון דעם מיינט מען צו זאגן אזוי. ווען מען פארט אויף קברי צדיקים און מען פארט בהתאספות חברים, דער וואס פארט נישט, דער וואס גייט נישט צום צדיק, ער גייט נישט מיט מיט דעם דיבוק חברים צו הערן גוטע דיבורים אין עבודת ה' יתברך, אזא איינער וועט קיינמאל נישט צוקומען חרטה צו האבן אויף זיינע עבירות. ווען מען פארט צום מקום פונעם צדיק, מען פארט מיט א דיבוק חברים, האט מען דעמאלטס חרטה אויף די עבירות, ווייל מען זעט, די קדושה איז דארטן גרויס און מען רעדט דיבורים פון עבודת ה', אזא איינער וועט צוקומען צו חרטה. דער וואס וויל בלייבן אינדערהיים באקוועם, ער וויל זיך נישט מטריח זיין צו פארן צו די מקומות וועט ער נישט אנקומען צו דעם ער זאל חרטה האבן אויף זיינע עבירות.

מיט דעם טייטשט ער די מאמר חז"ל, כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו, זאגט ער א מענטש דארף שטענדיג טראכטן, ווייסט פארוואס איך האב עפעס א מעלה, איך בין עפעס א גדול מחבירו, א געוויסע מדריגה וואס א מענטש איז זוכה צו האבן, ס'איז גארנישט פון מיר, אלעס איז נאר מחבירו, דורכדעם וואס איך זיץ צוזאמען מיט חברים און מען איז עוסק צוזאמען אין דיבורים אין עבודת השי"ת.

זאגט ער יצרו גדול, טאמער א מענטש זעט ער האט א גרויסן יצר הרע, זאל ער וויסן, דאס איז ממנו, ווייל ער וויל זיין אליינס, ער וויל זיך נישט מטריח זיין צו גיין צו א מקום וואס יראי ה' חסידים ואנשי מעשה נעמען זיך צוזאמען, וואלט ער ווען געקומען צו אזא פלאץ וואס חסידים יראי ה' נעמען זיך צוזאמען, וואלט ער זוכה געווען צו האבן מער חרטה און תשובה אויף זיינע עבירות.

## די יעצטיגע נסיעה

ממילא אז מיר גייען האבן אזא געלעגנהייט, סיי מען פארט אויף קברי צדיקים, דאס איז איין גרויסע זאך, און סיי מען פארט בהתאספות חברים אינאיינעם, וואס איך האב היינט געהערט אביסל די פרטים פון די אידן וואס געבן זיך אוועק יומם ולילה אין די לעצטערע תקופה מסדר צו זיין די נסיעה על צד היותר טוב, אסאך אסאך כוחות האט מען אריינגעלייגט אז די נסיעה זאל זיין בקדושה, ס'זאל זיין בטהרה, אזוי ווי ס'פאסט זיך פאר ערליכע חסידישע יונגעלייט אנשי שלומינו, ווען מען גייט פארן אויף קברי צדיקים. נארמאלערהייט ווען מען פארט ווייסט מען דאך מען דארף דורכגיין די מקומות, דורכגיין פלעצער וואו ס'איז זייער שווער, נסיונות אין שמירת עינים, אבער דא מען האט מסדר געווען א פריוואטן פליגער מיט א פריוואטן עירפארט, און מען קען גיין צוזאמען מיט חברים מקשיבים מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, אוודאי ס'איז א געוואלדיגע זאך אז מען קען זוכה זיין מיטצופארן מיט אזא נסיעה, איז עס זיכער אז מען קען דארטן פועל'ן און מען וועט אי"ה פועל'ן ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.

בפרט אז מען פארט צו א מקום, צו אזעלכע צדיקים וואס אונז זענען תלמידים פון די צדיקים, אפילו טאקע אונז האמיר נישט זוכה געווען צו קענען די צדיקים בחיים חיותן, אבער אונז זעמיר דאך תלמידים ותלמידי תלמידים, באזנינו שמענו מיר האבן זייער אסאך געהערט פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע וויפיל געגועים וויפיל השתוקקות, שטענדיג גערעדט פונעם הייליגן סבא קדישא זי"ע וואס דאס האט ער זוכה געווען צו קענען, און פונעם הייליגן עלטער זיידן זי"ע דער בעל ההילולא, וואס אפילו ער האט אים נישט געזען בחיים חיותו האט ער אבער אזויפיל געקאכט און אזויפיל גערעדט כאילו ס'איז געווען בעל השמועה עומד כנגדו, ווי ער זעט אים, ווי ער שטייט אים דא פאר די אויגן, איז זיכער אז ס'איז א געוואלדיגע מקום.

דער הייליגער צמח צדיק זי"ע איז אמאל געפארן צום ציון צו רבינו הבעל שם טוב הקדוש זי"ע, ער איז אריינגעקומען אין אהל אין מעזיבוזש, האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין און ער האט געזאגט: "הייליגער רבי, אונז זעמיר געקומען צו פארן צו אייער ציון, אונז פאר מיר אויף אייער וואגען, ווי אזוי אונז פאר מיר, און וואסערע פנים אונז האמיר, אבער דאך פאר מיר אונז אויף אייער וואגען, מוזט איר אונז העלפן".

אזוי האט ער געזאגט, מען פארט אויף אייער וואגען, אונז פאר מיר אויף דעם וואגען, אונז זעמיר זיך מדבק און אונז קאך מיר אין דעם, אונז לעב מיר מיט דעם, אונז אטעם מיר מיט דעם, און אז מען איז זוכה צו פארן על מקום מנוחתם איז זיכער אז ס'איז א געוואלדיגע זאך.

ס'שטייט אין פסוק ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עודנה, אזוי זאגט שלמה המלך. שטייט אין תפארת שלמה אין זיינע דרשות אויף סוכות, זאגט ער, די גרויסקייט פון די מעלות הצדיקים קען מען זען דורך זייער קדושה וואס זיי לאזן איבער אויף די תלמידים וואס זענען נאך זיי, זיי לאזן איבער לתלמידיהם ותלמידי תלמידיהם ודורי דורות. דער הייליגער תפארת שלמה שרייבט דאס לשון "כאשר עינינו תחזינה מישרים בגודל מעלות הרב הקדוש דער הייליגער ר"ר אלימלך פון ליזענסק זי"ע אשר זה קרוב שמונים שנה אשר הלך לעולמו", - זאגט ער בימיו איז געווען אכציג יאר נאכדעם וואס דער הייליגער ר"ר אלימלך איז נסתלק געווארן, זאגט ער - "עד היום איז נאך דא אורו הקדוש לדור דור לתלמידי תלמידיו, כנהר שאינו פוסק לכל מי שבא לטהר וכו'", אפילו ס'איז שוין אזויפיל יארן וואס דער צדיק איז נישטא אויף די וועלט, אבער מען זעט זיין קדושה איז דא ווייטער לדור דור פאר זיינע תלמידים ותלמידי תלמידיו.

זאגט די הייליגע תפארת שלמה, דאס איז פשט אינעם פסוק ושבח אני את המתים שכבר מתו, זאגט ער די שבח פון די צדיקים אשר כבר מתו והלכו לעולמם, ווי קען מען זען זייער שבח? דאס קען מען זען פון די דורות הבאים אחריהם, החיים אשר המה חיים עודנה, די תלמידים וואס זענען דא שפעטער און זיי קלאמערן זיך ווייטער און מען זעט אויף זיי דעם אור הקדושה וואס די צדיקים האבן ממשיך געווען, פון דעם זעט מען די שבח פון די הייליגע צדיקים.

ס'איז א געוואלדיגע זאך אז מען גייט פארן על מקום מנוחתם מתפלל זיין, סיי אויף די קברי צדיקים און סיי אויף דעם מקום וואס זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן, וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען און זיי האבן מקבל געווען אויף זיך סיגופים פאר כלל ישראל ווייל זיי האבן דאך דאס נישט געדארפט פאר זיך. ס'איז באקאנט די מעשה וואס דער הייליגע זיידע

רבינו הסבא קדישא זי"ע האט געזען זיין טאטן, רבינו השרף בעל ההילולא זי"ע מאכן גלגול שלג, האט ער געזאגט באלד גייט קומען א איד וואס דארף א ישועה, מאכט ער דעם גלגול שלג אנשטאטס יענעם. אזא מקום וואו די תלמידים קומען זיך צוזאם, ס'איז א מקום קיבול תפילות פאר אלע אידן אבער בפרט פאר תלמידים, תלמידי תלמידיו, וואס זיי קומען זיך צוזאם אויף דעם מקום.

ס'שטייט פונעם הייליגן בעלזער רב רבי ישכר דוב זי"ע זאגט ער, אז פאר דעם האט זיך די ים סוף געשפאלטן נאר אין זכות פון ארונו של יוסף, פרעגט ער א קשיא, ס'איז דאך געווען דארטן א דור דעה, ששים רבוא, משה רבינו וכל קדושיו עמו, איז נישט געווען קיינער וואס זאל האבן א זכות אז אין זיין זכות זאל זיך די ים סוף שפאלטן, מען מוז אנקומען דוקא צו דעם ארונו של יוסף, פארוואס איז נישט געווען גענוג די זכות פון די צדיקים וואס זענען דארטן געווען אז אין זייער זכות זאל זיך די ים סוף שפאלטן?

זאגט ער א מורא'דיגע זאך, מען האט געוואלט ווייזן פאר אידישע קינדער לדורי דורות, אז דער צדיק לאחר פטירתו האט ער ווייטער דעם זעלבן כח אזוי ווי ער האט געהאט בחיים חיותו, דוקא אין זכות פונעם ארונו של יוסף וואס ער איז שוין געווען באהאלטן אינעם ארון הקודש נאר אין זיין זכות האט זיך די ים סוף געשפאלטן, צו ווייזן פאר אידן לדורי דורות אז דער כח פונעם צדיק גייט ווייטער אן לאחר פטירתו, נישט נאר ס'גייט ווייטער אן, נאר גדולים צדיקים במיתתן יותר מחייהן, און ס'איז באקאנט אז די טאכטער פון הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע די צדיקת מירש, האט געזאגט: "אז די טאטע האט געקענט אין די שיך קען ער אין די זאכן אוודאי", לאחר פטירתו איז שוין א אנדערע בחינה, איז שוין נישט קיין בחינה פון די שיך, ס'איז שוין א אנדערע סארט בחינה, ער איז שוין אויבן אין הימל בגנזי מרומים, קען ער דארט אודאי פועל'ן.

די הייליגע צדיקים אונזער הייליגע רבי'ס וואס בחיים חיותם זענען זיי געווען אזעלכע גרויסע פועלי ישועות פאר אידישע קינדער, אז זיי האבן געקענט אין די שיך גלייב מיר אונז באמונה שלימה אז זיי קענען אין די זאכן אוודאי און אוודאי.

און ווער רעדט נאך אז מען גייט מקיים זיין דעם פסוק יחוגו וינועו כשיכור, מען גייט זיך צוברעכן אלע ביינער, ס'איז נישט גרינג צו פארן אזא נסיעה, קע"ה אזוי א מינוט נאך א מינוט, א שעה נאך א שעה, דא א פליגער און דא א באס און מען פארט אזוי א גאנצע צייט בלי הפסק, וואס שטייט אבער נאך יחוגו וינועו כשיכור, נאכדעם שטייט אין פסוק ויצעקו אל ה' בצר להם, יעדער האט זיך זיין פעקל, יעדער האט זיין צר להם, יעדער האט זיינע ישועות וואס ער דארף און נישט נאר די אייגענע נאר יעדער איינער איז א שליח ציבור פאר אנדערע אידן אויך מתפלל צו זיין בשם כל ישראל, אין זכות פון יחוגו וינועו כשיכור קען מען נאכדעם קומען מתפלל זיין ויצעקו אל ה' בצר להם, נאכדעם וועט מקוים ווערן בעזרת ה' די סיפא פונעם פסוק ממצוקותיהם יושיעם, יעדער איינער וועט געהאלפן ווערן מיט אלע זיינע ענינים וואס ער דארף צו האבן.

איך וועל נאר ענדיגן מיט א ווארט וואס ס'שטייט אין ספר תפארת בנים פונעם דרכי תשובה זי"ע, זאגט ער אין פרשת שלח אין די וואכעדיגע פרשה, ביים יארצייט פון זיין טאטן ר' שלמה'לע מונקאטש'ער זי"ע, דער הייליגער צדיק ר' שלמה'לע מונקאטש'ער איז דאך געווען איינע פון די רבי'ס פון רבינו הסבא קדישא זי"ע, האט ער געזאגט ביים



יארצייט פונעם הייליגן קאלוב'ער זי"ע, ס'שטייט אין פסוק (סוף פר' נשא), ובבוא משה אל אהל מועד לדבר אתו וישמע את הקול מדבר אליו מעל הכפורת אשר על ארון העדות מבין שני הכרובים וידבר אליו. זאגט ער א דבר נורא עד למאוד, זאגט ער די צדיק בעודו בחיים ווען דער צדיק לעבט קומען צו אים אידן, יעדער איינער גיסט זיך אויס זיין פעקל צרות פאר דעם צדיק, און דער צדיק ער איז אזוי ווי דער מעקלער צווישן אידישע קינדער און צווישן הקב"ה און ער ברענגט די צרות פון אידן פאר הקב"ה און דער אייבערשטער הערט אויס אידישע תפילות דורך די השתדלות פונעם צדיק.

זאגט ער נאך די פטירה פונעם צדיק, לכאורה זעט זיך אויס אז ס'איז שוין פארלוירן געווארן דער כח, די צדיק הערט שוין מער נישט וואס אונז בעט מיר, דער צדיק הערט שוין נישט אונזערע בקשות ממילא גייט ער שוין נישט מתפלל זיין פאר אידישע קינדער לפני הקב"ה, וועגן דעם קומט אונז די פסוק זאגן אז מען זאל נישט אזוי טראכטן, נאר וואס דען, ובבוא משה אל אהל מועד, משה מיינט מען דעם צדיק ווייל אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, ובבוא משה אל אהל מועד ווען דער צדיק איז שוין אינעם בית מועד לכל חי, און דער איד קומט אריין, לדבר אתו, ער קומט רעדן צום צדיק, ער קומט זיך אויסגיסן זיין הארץ, וישמע את הקול מדבר אליו, זאגט ער, די צדיק הערט די קול פון אידישע קינדער וואס רעדן צו אים און זיי לייגן פאר פאר דעם צדיק אלע זייערע בקשות.

פון ווי הערט עס די צדיק? מעל הכפורת אשר על ארון העדות, זאגט ער אפילו די צדיק איז שוין פארדעקט מיט'ן ארון און אויף אים איז דא א כפורת, שוין דא א צודעק אויף דעם צדיק, אבער מיט דעם אלעם הערט ער עס, מבין שני הכרובים, כאטשיג זיין נשמה איז שוין בגבהי מרומים, מיט דעם אלעם דער צדיק הערט די בקשה פון אידישע קינדער, וידבר אליו און דער




צדיק גייט רעדן צום אייבערשטן, שהצדיק מציע הדברים לפני הקב"ה להתפלל בעדם כמו בחיים חיותו, עד כאן תורף דבריו הקדושים פירט ער אויס, ודברי פי חכם חן ושפתים יושק.

אבער אפשר מעג מען צו דעם צולייגן, דיבור איז דאך א לשון דיבור קשה, א לשון אז א מענטש בעט מיט א כח און א מענטש בעט מיט א שטארקייט, ובבוא משה אל אהל מועד לדבר אתו, מען קען רעדן צום צדיק, קען מען רעדן מיט א כח און מיט א שטארקייט און די זעלבע זאך איז דער צדיק וידבר אליו, וועט ער אויך גיין צום אייבערשטן, אויך מיט א שטארקייט רעדן צו השי"ת, איבערגעבן אונזערע בקשות, יעדער איינער וואס ער קומט זיך אויסבעטן

דער דרכי תשובה זי"ע טייטשט עס אריין אינעם פסוק אין די וואכעדיגע פרשה, דבר אל בני ישראל בבואכם על הארץ אשר אני מביא אתכם שמה באכלכם מלחם הארץ, שטייט דארטן אין פסוק תרימו תרומה לה', זאגט ער, דער אייבערשטער רעדט צו די צדיקים, די בני ישראל מיינט דאך די צדיקים, בבואכם אל הארץ ווען עטס קומטס ארויף אין עולם הבא, זה ארץ העליונה, אשר אני מביא אתכם שמה, דער אייבערשטער פירט ארויף דארטן, סוף כל אדם איז דאך ארויפצוקומען אויבן אין גן עדן אין עולם הבא, זאגט דער אייבערשטער פאר דעם צדיק, ווען דו קומסט אריין אל הארץ אשר אני מביא אתכם שמה, והיה באכלכם מלחם הארץ, דו גייסט האבן דארטן תענוגים עליונים, דו גייסט דיך מתענג זיין אין גן עדן, זאגט די פסוק זאלסט נישט נעמען די גאנצע תענוג פאר ענק, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק באכלכם מלחם הארץ, קען מען דאך נישט עסן די גאנצע מען דארף איבערלאזן חלה תרימו תרומה, זאגט ער אין פסוק שטייט באכלכם מלחם הארץ ווען די צדיק איז אין גן עדן און ער איז זיך מתענג מנועם העליון זאל ער נישט נעמען דעם גאנצן תענוג פאר זיך, נאר וואס דען, תרימו תרומה לה', ער זאל מתפלל זיין אז ס'זאל נתרומם ווערן, ס'זאל גרויס ווערן די נאמען פונעם אייבערשטן אויף די וועלט אויך, נישט נאר אויף הרמת קרן השכינה זאל ער מתפלל זיין ער זאל מתפלל זיין אויף דעי וועלט זאל זיין א כבוד און ס'זאל זיין יתגדל ויתקדש די כבוד פונעם אייבערשטן דא אויף דעי וועלט, שהשי"ת יקבל תפילת עמו בישראל ברחמים, דער אייבערשטער וועט אננעמען אונזערע תפילות.

ער איז נאך מאריך אין דעם דא נאך זייער אסאך. אבער עכ"פ יעצט האט מען א געלעגנהייט און ס'מאכט זיך נישט אזוי סאך, פארן אויף אזא סארט אופן, סיי מען פארט צוזאמען, ס'איז א דיבוק חברים, וואס די גאנצע נסיעה איז שוין איין שטיק קדושה, סיי מען רעדט ענינים דיבורים פון עבודת השם יתברך און סיי מען רעדט די כח פון צדיקים, מען איז זיך מחזק איינער דעם אנדערן און מען איז מוסיף מער אמונה דורכדעם וואס מען רעדט פון דעם, אבדה אמונה ווייל ס'איז נכרתה מפיהם, מען פארט אינאיינעם און מען רעדט פון די כח פון צדיקים אוודאי וועט עס מעורר זיין א געוואלדיגע התעוררות רחמים רבים משמי מעל אז מען זאל זוכה זיין אז אונז וואס אונז גיי מיר זיך מטריח זיין בטירחא דגופא בטירחא דממונא און מען וועט פארן אויף דעם אופן, אויף א אופן פון קדושה וטהרה, וועט מען זיכער מיט'ן אייבערשטנס הילף פועל'ן אלעס גוטס.

זאל די הייליגע באשעפער העלפן, קה זכות אבות יגן עלינו, מען זאל זוכה זיין צו פארן געזונטערהייט, פועל'ן דארטן ישועות לנו ולכל הנלוים אלינו ולכל עמו בית ישראל, מען זאל זוכה זיין צוריק צו קומען געזונטערהייט. פארשטייט זיך מען וועט צוריקקומען אויף א אנדערע אופן ווי אזוי מען פארט, מען פארט אויף איין מין אופן מען קומט צוריק אינגאנצן אנדערש, ווייל אין זכות פון די צדיקים וועלן זיי זיכער מגין זיין אויף אונז אז מען זאל אויס'פועל'ן ישועות ורפואות און מען זאל זוכה זיין אויסצובעטן די גאולה שלימה במהרה בימינו ומלכינו בראשינו אמן.









המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **שמעון** (בר"י) **זילבער** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## רבינו השרף מרן משולם פייש מ'טאהש זי"ע

**דעם קומענדיגן דינסטאג קדה, כ"ח סיון געפאלט אים די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן שרף רבינו משולם פייש בן רבי מרדכי ז'ועלדא זי"ע, אב"ד ור"מ דק"ק טאהש והגלילות, מייסד השושילתא.**

### ואלה מתולדותיו:

דער שרף איז געבוירן אינעם שטאט יאזעפסדארף אין יאר תקע"ו לפ"ק.

שוין פון די יונגווייז אן האט זיך אנגעזעהן אויפן שרף זיינע גרויסע און הייליגע השגות בד' עמודי עולם, ספעציעל אין זיינע יונגע יארן די התמדת התורה לערנענדיג טעג און נעכט אן אויפהער.

אין יאר תר"ד איז פארגעקומען די חתונה פונעם שרף מיט הרבנית הצדיקת מינדל ע"ה בת הרה"ק ר' ישעי' דוד קופערשטיין זצ"ל. נאך די חתונה איז דער שרף פארבליבן וואוינען אויף קעסט אינעם שטאט טשאסאר, אנגייענדיג ווייטער בעבודת הקודש.

דער שרף האט מקבל געווען תורה וחסידות פון פילע צדיקים וקדושים ווי ער פלעגט זיך מסתופף זיין, און געניסן פון א אויסטערלישע התקרבות, צווישן זיי רבינו רבי יצחק אייזיק מ'קאמארנא, רבינו רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב, רבי צבי הירש מ'ליסקא, רבי חיים מ'צאנז, רבי יהודה צבי מ'ראזלא, רבי דוד מ'דינוב, ועוד, זכותם יגן עלינו.

### בקרב קדושים תתהלל:

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט זיך אויף אים אויסגעדריקט: 'אוי איז דאס הייליגע הענטעלעך, איך שפיר א קדושה אין די הענטעלעך, זאגט מיר ווער איר זענט'...

רבו מובהק רבי דוד'ל דינובער זי"ע האט זיך אויסגעדריקט: 'איך האב איין חסיד וואס פארט צו מיר, דער טאהשער רב, ער איז שקול קעגן טויזענטער חסידים מיט זיין חסידות און קדושה'...

דער שרף האט טאקע זוכה געווען צו באקומען סמיכה פון רבו מובהק רבי דוד'ל, און אמאל ווען דער שרף איז געקומען ווילן ביים רבי דוד'ל, האט זיך רבי דוד'ל אנגערופן צו אים 'דו קענסט דאך שוין ליינען קוויטלעך אליין'...

דער הייליגער רבי יצחק אייזיק מ'קאמארנא זי"ע האט מעיד געווען אויפ'ן שרף: 'ער לערנט תורה לשמה'...

דער הייליגער ישמח משה פון אוהעל זי"ע האט אויף אים געזאגט: 'טשעפעט אים נישט, ער איז א אש להבה'...

דער הייליגער יטב לב זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט: 'דער טאהשער רבי איז א מלאך אלוקים, וכל יוצאי חלציו זענען נשמות קדושות מאוד'...

*

ווי נאר דער שרף איז אויפגענומען געווארן על כס הרבנות אין שטאט טאהש, איז זיין נאמען געווארן מפורסם גאר שטארק, און עס פלעגן

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### צבר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ח סיון | רבינו השרף מרן משולם פייש בן רבי מרדכי סג"ל וזעלדא זי"ע | תרל"ג |
| א' תמוז | הרה"ק רבי קלונימוס קלמן בן רבי אהרן הלוי זי"ע - מ'קראקא - מאור ושמש | תקפ"ז |

### צבר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ה סיון | הרב החסיד ר' ארי' בן ר' אברהם ע"ה ראטטענבערג | תשנ"א | ביה"ח ניו דזערסי (וויען) |
| כ"ה סיון | האשה החשובה מרת צבי' בת ר' משה דוד ע"ה אמסעל<br>אשת הרה"ג ר' יעקב חיים ז"ל | תשמ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ז סיון | הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן הרה"ג ר' אהרן שליט"א פריעד<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ו | ביה"ח ניו דזערסי (האדאס) |
| כ"ט סיון | הרב החסיד ר' חיים זאב בן ר' אברהם אשר זעליג ע"ה מאירוביץ | תשס"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

קומען צו פארן אידן פון איבעראל פאר א ישועה און צו באקומען פון די הייליגע ברכות.

דער שרף איז געווען גאר באליבט ביי די שטאטס-לייט, ווי מען האט געזעהן די שטענדיגע הערצה וואס די שטאטסלייט האבן צום שרף, ווען עס האט זיך געמאכט אז מען האט אנגעבאטן פארן שרף צו קומען צו א גרעסערע שטאט אננעמען די רבנות פאסטן, האבן זיך די שטאטסלייט געבעטן אז דער שרף זאל נישט גיין, און פארבלייבן מיט זיי, און האבן אפילו מסכים געווען צו העכערן דעם געהאלט פון שרף, אלעס אז דער שרף זאל בלייבן ביי זיי אין שטאט.

טראצדעם ווען דער שרף האט שוין געפירט א אייגענע קהלה, און כסדר פלעגט מען קומען צו פארן קיין טאהש צו ווילן בצילו, פלעגט אבער דער שרף איין מאל א יאר שבת אפלאזן פון אלעס ארום זיך, און פלעגט פארן צו רבו מובהק רבי דוד'ל דינובער זי"ע, צו קונה זיין פון זיין רבי' תורה ועניני עבודת השי"ת.

דאס אהבת חסד און אהבת ישראל וואס דער שרף האט פארמאגט, האט געפלאקערט אין זיין הארץ ווי א שלהבת, פון יעדע וועג וויאזוי מען האט נאר געקענט העלפן א איד, אויף סיי וועלכער אופן, האט דאס דער שרף געטוהן, מיט גרויס פארשטאנד אז יענער זאל זיך נישט דארפן שעמען צו געניסן פון דעם הילף.

ווידעראום איז א באזונדערע עבודה געווען 'דער הייליגער שבת' ביים שרף, דער התלהבות, דער שמחה, דער התרוממות, וואס דער שרף פלעגט אריינשיינען פאר יעדעם אין הארץ וואס איז געווען בבחינת 'מעין עולם הבא יום שבת מנוחה', און האט ריכטיג אפגעטייטשט דעם 'השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות'.

*

אין שנת תרל"ג האט אויסגעבראכן א שרעקליכע מגיפה אין עסטרייך - אונגארן, ווי עס זענען ליידער אוועקגעריסן געווארן אסאך אידן, ווי אויך א טאכטער פונעם שרף, כ"ה סיון האט דער שרף געזאגט פארן רעבעצין 'אין דריי טעג ארום וועסטו זעהן מיין צורה'!, כ"ז סיון האט דער שרף געזאגט צו זיינע מקורבים אז מארגן וועט זיין די לעצטע טאג וואס ער איז אויף דער עולם, און דאן וועט ער נסתלק ווערן און דערמיט וועט ער זיין א כפרה פאר כלל ישראל אז דער מלאך המשחית זאל זיך אפטוען פון כלל ישראל.

אום מאנטאג 'ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגיפה' - כ"ח סיון תרל"ג איז דער הייליגער שרף נסתלק געווארן צוריקגעבענדיג זיין הייליגע נשמה צום בורא כל העולמים, און דערמיט אפגעשטעלט דעם מגיפה ביי כלל ישראל.

*

רבינו הק' זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה, אז דער יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן שרף געפאלט אלעמאל אויס אין דעם טאג וועלכע וועט זיין דעם ערשטן טאג ראש השנה פונעם קומענדיגן יאר.

אויף די נוסח המציבה שטייט: פ"נ הרב הצדיק, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא, עובד השם בקדושה וטהרה, והתלהבותו בתורה ובתפלה, היתה כאש בוערה, וכבוד קדושת שמו, מו"מ רבי'... זכות תורתו אשר למד ברעדה יעמוד לנו, נפטר... ת.נ.צ.ב.ה.

*

## מברכת הקודש של רביה"ק זי"ע

"די זכות פון זיין עניוות און זיין מדה פון אמת, און די זכות פון זיינע פייניגונגען וואס ער האט גענומען אויף זיך פארן כלל ישראל, און די זכות פון אלע זיינע הייליגע מעשים טובים און אויסגעהארעוועטע נעכט, זאלן באשיצן אויף זיינע אייניקלעך און תלמידים, מיר זאלן קענען גיין אין זיינע וועגן און נישט פארשעמט ווערן פאר אים לעתיד לבוא".

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**



המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר מאיר סג"ל שווארץ הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן שלמה ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום

רש"י הק' פרעגט אז ארץ ישראל איז געווען ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה, און א מענטש קען גיין מערסטנס צען פרסה א טאג, קומט אויס אז אין פערציג טעג קען מען גיין פיר הונדערט פרסה, און זיי האבן דאס דאך דורכגעוואקט אין די לענג און אין די ברייט, אויב אזוי האבן זיי געדארפט האבן הונדערט און זעכציג טעג, נאר וואס דען, די אייבערשטער האט געוואוסט אז זיי גייען דארפן זיין אין מדבר יום לשנה, האט די באשעפער קערצער געמאכט די וועג פאר זיי.

הרה"ק ר' יעקב קאפיל מ'ליקאווע זי"ע די זיידע פונעם הייליגן שרף זי"ע, זאגט אז מען קען מסביר זיין די חשבון ווי אזוי עס האט גענומען אזוי שנעל, ווייל דאס וואס רש"י זאגט מהלך אדם בינוני עשרה פרסאות ליום, דאס איז פון די נץ החמה ביז די שקיעת החמה, משא"כ די מרגלים האבן געגאנגען פון די עלות וואס דאס איז צוויי שעה פארן נץ ביז די צאת הכוכבים וואס דאס איז צוויי שעה נאכן שקיעה (עפ"י שיטת הרמב"ם ועוד) קומט אויס אז זיי האבן געוואקט א שעה א טאג.

און עס שטייט ביי די מסעות (במדבר י' ל"ג) ויסעו מהר ה' דרך שלשת ימים, זאגט רש"י מהלך שלשת ימים הלכו ביום אחד, ווייל די אייבערשטער האט זיי געוואלט גלייך אריינעמען אין ארץ ישראל, און זיי האבן אין איין טאג געוואקט דרייסיג פרסה פון די נץ ביז די שקיעה, וואס דאס מיינט יעדע פיר שעה האבן זיי געוואקט א מהלך פון א גאנצע טאג.

און דא ביי די מרגלים זאגט רש"י אויך אז די אייבערשטער האט מקצר געווען די וועג, קען זיין אז עס איז געגאנגען מיט די זעלבע מהלך, אז יעדע פיר שעה האבן זיי געוואקט א מהלך פון א גאנצע טאג וואס דאס איז צען פרסה, נאר דא האבן זיי געוואקט פיר שעה לענגער, פון די עלות ביז די צאת, קומט אויס אז זיי האבן יעדן טאג געוואקט פערציג פרסה, אין פערציג טעג זענען זיי געגאנגען א מהלך פון טויזנט זעקס הונדערט פרסה, קומט דאך אויס זייער גוט, אז זיי האבן געוואקט לארכה ולרחבה, וואס דאס איז אכט הונדערט פרסה און די וועג צוריק איז געווען נאר אכט הונדערט, צוזאמען איז דאס טויזענט און זעקס הונדערט פרסה.

אבער לכאורה האבן זיי נישט געקענט גיין די אלע פערציג טעג, ווייל אינמיטן איז דאך געווען זעקס שבתים, וואס זיי הבן זיך געדארפט אפשטעלן, אויב אזוי האבן זיי נאר געקענט גיין פיר און דרייסיג טעג, וואס דאס קומט אויס טויזנט און דריי הונדערט און זעכציג פרסה.

ענטפערט ר' יעקב קאפיל מ'ליקאווע אז עס קען זיין אז די וועג צוריק זענען זיי נישט געגאנגען לארכה ולרחבה, נאר זיי זענען געגאנגען באלכסון (שיפערהייט), און די גמרא אין מסכת סוכה (דף ח ע"א) זאגט אז א יעדע אמה פיר עקעדיג איז שיפערהייט אינדערמיט אן אמה מיט צוויי פיפטלעך (כל אמתא בריבוע, אמתא ותרי חומשי באלכסונא), קומט אויס אז די מרגלים זענען געגאנגען לארכה צען טעג פיר הונדערט פרסה, און לרחבה נאך צען טעג פיר הונדערט פרסה, און אויף די וועג צוריק האבן זיי נאר געדארפט פערצן טעג, ווייל ווען מען צוטיילט צען אויף פינף, איז א יעדע חלק פינף 'אמתא ותרי חומשא', קומט דא אויס פערצן טעג, קומט אויס אז זיי האבן נאר געדארפט פיר און דרייסיג טעג, און די איבריגע זעקס טעג האבן זיי גערוהט.












# איר גיבט א וואָך

תורה
פאר די
תשב"ר

# איר באקומ
# יאָר

פון
אידיש
נחת ביי
אייערע
קינדער

מיט'ן
השתתפות
פון לכה"פ

**$1,800**

**פרנס השבוע**

דער אחריות'דיגער השתתפות אינעמ

פאר אלע תלמי



תלמוד
תורה
טאהש
מאנסי יצ"ו
מוסד
ידי וחסידי טאהש אין מאנסי
קיין קאַסטבאַרע
הוצאה;
נאר א לוינבאַרע
השקעה!
www.Artistic Group

בית המדרש
אהל אלימלך
ד'טאהש
מאנטריאל
יצ"ו

כולל
ערב
שע"י בית המדרש
אהל אלימלך ד'טאהש
מאנטריאל
יצ"ו

יוס"
על
ועל ב

י הי נא לרצון אמרינו, להגיד שבחו במיטב תושבחתינו,
ה לא הוא האיש, עושה ומעשה באין מחריש, כוחו ואונו
ו תיק וחסיד המתחסד, פינת יקרת למען בית ה' ליסד,
ס פורות לא ידע, בעמל וביגיעה, ככוד לבית
פ ינו מלא תהילתו, להגיד לאדם ישרו על פי פעולתו, ל

ה"ה האי איש האשכולות
עושה גדולות, ראוי ל

מוה
יהוסף
מערמע
ה

רוח החיים ועסקן נמרץ
יז"ר ק

להרחבת גבולי הקדוש

גדול העומד על גבי חברת תהילים בבית מדרשי

לרגל השמ
בהולד
לסימן טוב

והברכה אחת מ
הרה"ח ר' יצ
לייבוש מערמ
מראה"ק ומגדולי העסקנים וה

המברכים בכל לב ונ
הנהלת בית המדרש
בשם כל מתפללי ובאי בית ה'

הנהלת כולל ערב
רבנן ותלמידיהון

# ומרדכי יוס"ף בשער המלך

חדו השתא בהאי שעתא, נברכו לעולם מעתה, כי לקח
טוב נתת, בפעלותיו למען בית מדרשינו ואהלינו קו ינטה

ב האי זימנא ראוי להודות, פעולותיו למען בית מדרשינו אודות, אשר ערך מ
י מים ולילות בעבורה משים, להחזיק משכן ה' בעמודים וקרשים, נעים ונחמ ד
ת מידין כסדרן שימשיכו, עשה פרי גדלו והצליחו, בתוככי בית מד רשינו

קר"ן בככוד הרים, פעולותיו הנמרצות לעולם יהי נזכרים, אשר עומד ופועל בראש ה
ר פידתו זהב תוכו רצוף אהבה, למען השלמת אפריונינו באש להבה, בכל נפש ול ב
נ עביד ליה כתרין במילין, בבית ה' בחצרות אלוקינו שתולין, נראהו עי"נ בע י"ן

כ ה תברכו אותו לאמר, בשפת נוטף מור, תעיר ותרי ע
ז הער"ב נא את דברי התורה, בכל לילה בבית מדרשינו תחת הקורה, גמרא גמו ר
לל ילות מאיר כיום, בקרב המקום קדוש נורא ואיום, ויהי בוקר לעת ער ב

ח וכה בנעימה עלינו מוטלת, ומה קול הצאן באזני שרון חבצלת, בקול גילת מצלצל ת
ב כל שבת בשבתו באשמורים, עשרות תשב"ר לשורר מזמורים, מדבש מתוק ה
ר אשית תבואתה קודש, רשפיה רשפי רגש, לבטל כל גזירות רעות משליך ת ילים

א דשמיא

# חברת תהלים

שע"י בית המדרש **אהל אלימלך דטאהש**

מאנטריאל יצ"ו

דעם רבי'נס
בית המדרש

אונזער ווינקל לתורה ועבודה

בית מדרשו של רבינו כ"ק זי"ע
אהל אלימלך ד'טאהש מאנטריאל

# ה' אלוקי אבותיכם יוס"ף עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם

**ט**וב טעם ודעת הננו בזה לו לברך, שמן השמים ישולם לו שכרו הטוב על פעולה אשר ערך, משמאלו עושר וכבוד ובימין יעמים באורך, מלא ברכת הש**מ**

**א**שר יעשה יצליח לראות פרי מעלליו, אלף פעמים כפי מפעליו, הזכות יגן בעדו ועליו, ועל כל משפחתו בנים ובני בניו, בזה וככ**א**

**ה**ון עושר ואושר ישרה בביתו לעד, וכל מילי דמיטב עזר וסעד, אך טוב וחסד ירדפהו מכל צד, ממזרח ומים דרום וצפו**נ**

**ש**שון ושמחה תמיד ישיגו, ומתוך הרחבת הדעת בקרב הארץ לרוב ידגו, שפע רב יערוף כמ**טר** לקח**י** נחלי**אל**

ף ה'
...יכם
...ניכם

**מ** ...מזל האי עונה בכל קראנו, זכור לטוב אותו האיש בר
**ר** ...לצרכי הכלל מקדיש, בית מדרשינו מנורה הטהורה להאי
**ד** ...אינו נותן מנוחה לראות מנוחה כי טוב ויהי למס עובד
**כ** ...ה' להגיע, ולרומם בית אלוקינו גדול והול
**י** ...ן ברוך יאמרו לעומתו, על אשר גדל והצליח לעשות פר

..., לכל קדשי בית מדרשינו
...ענהו בחמשה קולות

...ה"ר
...מרדכי
...לשטיין
...י"ו

...לכל קדשי בית מדרשינו

# ...ן הבנין

...ה בקרב בית מדרשינו

ממייסדי כולל ערב שע"י ביהמ"ד

...חה הגדולה

# ...ת בנו

...ומזל טוב

...זול אביו הנכבד
...צחק יודא
...מעלשטיין הי"ו
...ומכים למען בנין בית מדרשינו

...פש, מלא תודה ורגש

**וועד קרן הבנין**

הרחבת ושכלול בית מדרשינו ותפארתינו

**הנהלת חברת תהילים**

בשם ההורים ותשב"ר

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

Tel. (450) 435-0209 בבית | In Yeshiva (450)430-6420 בבנין הישיבה | Fax (450) 433-9379 פאקס

שישו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה

בשבח והודי' להשי"ת נותן התורה
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו בזה להזמין את אנשי שלומינו לבוא להשתתף
ולהתעלס עמנו ביחד ביום שמחת התורה אצל

מעמד חגיגת
# הכנסת ספר תורה

שנכתב לכבוד ולע"נ רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל וצירל זצוקללה"ה

שתתקיים בעז"ה ברוב פאר והדר לכבודה של תורה בשירה בזמרה בריקודין בתופים ובמחולות

## יום ב' פרשת קרח

אור"י כ"ח סיון תשפ"ה לפ"ק – יומא דהילולא קדישא של רבינו השרף זי"ע

**בהשאטער הגדול על אדמת הקודש 'גערטל'**
28 TASS VEZER KOZ, 4522 NYIRTASS HUNGARY
בשעה 7:00 בערב

**סעודת מצוה וסעודת הילולא לכל הקהל הקודש**
יתקיים אי"ה בהשאטער הגדול בחצר הקודש טאהש – אונגארן
BEM ÚT 22/B, 4522 NYIRTASS HUNGARY
בשעה 10:00 בערב

בראשות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

המצפים לקראת בואכם לשלום ביקרא דאורייתא

העומדים על משמרת הקודש אצל רביה"ק זי"ע
ויבלחט"א רבינו שליט"א

---

קול איחוד
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

ושמעו הולך בכל המדינות

לתועלת די חשובע נשים צדקניות פון די משתתפי מסע הקודש, און אנ"ש איבער די גארער וועלט וועלכע באטייליגן זיך נישט ביים גרויסן "מסע הקודש" פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א קיין טאהש אונגארן ביומא דהילולא קדישא כ"ח סיון,

**וועט "קול איחוד טאהש" צושטעלן קלארע לייוו הוק-אפס און כסדר'דיגע מודעות פון אלע מעמדי קודש דורכאויס די מסע הקודש.**

פאלגעד זענען די צייטן אויף די אמעריקאנע זייגער ווען די מעמדים וועלן פארקומען

**מעמד התחדשות הגערטל**
מאנטאג פר' קרח 1:00 נאכמיטאג

**חגיגת הכנסת ספר תורה**
מאנטאג פר' קרח 2:00 נאכמיטאג

**שולחן הטהור סעודת הילולא**
מאנטאג פר' קרח 4:15 נאכמיטאג

**אמירת ספר תהלים אצל רבינו השרף זי"ע**
מאנטאג פר' קרח 6:30 נאכמיטאג

**מסיבת לחיים רכתי ודברות קודש**
מאנטאג פר' קרח בערך 11:00 ביינאכט

**אמירת תהלים אין ליזענסק**
דינסטאג פר' קרח 12:15 נאכמיטאג

קול איחוד טאהש האט ספעציעל צוגעשטעלט טויזענטער פרישע ליינס לרגל דעם מסע הקודש צו קענען אקאמעדירן אלע אריינרופער
**718.451.8674**
**514.500.8674**
עקס. 71

---

ב"ה

# ויהי בנסוע
בולעטין #7

פרטים און דעטאלן איבערן
מסע הקודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
לעיר האבות
טאהש, אונגארן
כ"ח סיון תשפ"ה

# גאסן פון טאהש, אונגארן ווירבעלט מיט אקטיווע הכנות רונדע דעם זייגער דורך עסקני "חצר הקודש" אויפצונעמען די מאסן








חמול עלינו רחמנא אידכר לן בזכותיה דרבינו

**הערליכע נייע ניגון "זכותיה דרבינו" ערשינען דורך מקהלת מנגנים דחצרות קדשינו לרגל המסע הקודש**

מ'קען הערן דעם הערליכען ניגון אויף "קול איחוד טאהש"
718.451.8674 עקס 158

מפעל
להתיחד
בחורי אנ"ש

# העשירי יהי' קודש לה'

## מאמר מיוחד לרגל הקבלה לעבוד "עבודת עבודה" כהכנה דרבה ליומדהל"ק העשירי של רביה"ק זי"ע

אין די עולם החסידות איז דא א באקאנטע מושג, וואס רופט זיך "מקשר זיין צום רבי'ן", דאס איז א מהלך אין עבודת השם יתברך, אז דורך דעם וואס מען איז זיך מקשר צו א צדיק בלב ונפש, ווערט דאס א בחינה פון כל המחובר לטהור, טהור, מען ווערט מקודש און מוכשר צו דינען דעם אויבערשטן אויף א העכערע מדריגה, און מען קען מקיים זיין דעם "הדבק במידותיו" פונעם צדיק, און נאכגיין אין זיינע הייליגע וועגן.

רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט ווי אזוי מען איז זיך מקשר צו א צדיק, דורכדעם וואס מען דינט דעם אויבערשטן, מיט די עבודת השם אזוי ווי מען האט געזען ביי די צדיקים. אזוי ווי רביה"ק פלעגט שטענדיג צו פאדערן פון די בחורים אז מען זאל דינען דעם אויבערשטן מיט א שמחה און אהבת השם, און שטענדיג מתפלל זיין צום אויבערשטן אז מען זאל אים קענען דינען ווי עס דארף צו זיין.

עס איז געווען אמאל ווען דער הייליגער רבי זי"ע איז אריינגעקומען צו א ראש חודש טיש, מיט יארן צוריק (ר"ח אדר תשמ"ט) און נאך פאר'ן זיך וואשן, האט זיך דער רבי אנגערופן צו די בחורים וואס זענען געשטאנען נעבן אים, און זיי געזאגט, איך וויל מען זאל דאס איבערגעבן אויך פאר די אנדערע בחורים, און ער האט געזאגט בזה"ל: "ווען א בחור האט א ליידיגע מינוט, פאר'ן דאווענען, נאכ'ן דאווענען, גייענדיג אויפ'ן וועג, זאל מען זאגן און מתפלל זיין די ווערטער 'ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמיך, למען לא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד', און נישט סתם זאגן, נאר מיט כוונה, מען זאל אינזין האבן וואס מען זאגט, און דער רבי האט אויסגעפירט, דאס איז א סגולה צו אידישקייט, און אז מען זאל קענען זיין א איד". עכלה"ק. און דערנאך איז מען זיך געגאנגען וואשן צום סעודה.

דאס איז א מורא'דיגע הדרכה פאר אונז, כדי צו קענען ריכטיג דינען דעם אויבערשטן דארף מען מתפלל זיין דערויף, און אזוי וועט מען מצליח זיין בעזהשי"ת.

*

דער הייליגער באר מנחם (פר' בהעלותך) טייטשט אריין אין פסוק "בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", ופירש"י הק': "שצריך להדליק עד שיהא השלהבת עולה מאליה".

אמאל טראכט א מענטש צו זיך, איך ווייס דעם אמת אז מען דארף דינען דעם אויבערשטן, און מקיים זיין תורה ומצוות ווי עס דארף צו זיין, אבער וואס זאל איך טון אז דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט א יצר טוב און אויך א יצר הרע, און ער שלעפט כסדר אוועק דעם מענטש במחשבה דיבור ומעשה, אויף פארשידענע וועגן, און ער האט די כוחות ווי א מלאך, אבער אונז פשוט'ע מענטשן האבן נישט אייביג די כוחות זיך אקעגן צו שטעלן און אים בייקומען.

צו דעם קומט דער פסוק און לערנט אונז "בהעלותך את הנרות" ווען דו וועסט וועלן אנצינדן דיין פלאם פאר'ן אויבערשטן, און אנצינדן דיין ליכט - נר ה' נשמת אדם, צו שיינען בעבודת השם יתברך, זאלסטו זיך נישט זארגן אז דער יצר הרע קען דאך פארלעשן מיין פלאם און מיין חשק, אפשר לוינט זיך נישט אפילו אנצוהייבן, אויף דעם קומט אונז רש"י מפרש זיין וואס מיינט אנצינדן, וואס איז די עבודה, נאר "שיהא מדליק" דו צינד נאר אן, דו וויז פאר השי"ת

# מאמר מיוחד לבחורי אנ"ש

## נמסר על ידי מפעל להתאחד

אז דו ווילסט, און השי"ת וועט שוין העלפן אז דו זאלסט זוכה זיין זיך צו האלטן מיט דעם, "עד שתהא השלהבת עולה מאליה", עס וועט שוין ארויף גיין און בעסער ווערן פון זיך אליין, אזוי ווי חז"ל זאגן אונז "הבא לטהר מסייעין אותו".

די זעלבע בחינה שטייט פון נאך תלמידי הבעל שם טוב הק' זי"ע אויפ'ן פסוק (תהילים קי"ט) "חלקי ה' אמרתי, לשמור דבריך", אז א מענטש דארף וויסן "חלקי ה'", זיין חלק אין די עבודת השם, איז נאר "אמרתי לשמור דבריך", צו זאגן איך וויל זיין גוט, איך וויל דינען דעם אויבערשטן, און השי"ת וועט אים שוין געבן די כח אנצוגיין. עכלה"ק.

עכ"פ זעהן מיר פון דעם אז מען דארף נאר מאכן די קבלה און אפמאכן אז מען גייט דינען דעם אויבערשטן, מיט דעם עפנט מען דעם טיר מען רופט אריין דעם יצר טוב, און דערנאך וועט שוין מקוים ווערן "פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לך פתח כפתחו של אולם", די שטארקע התחלה וועט עפענען גרויסע טויערן פון סייעתא דשמיא בעבודת השם און אלע ענינים.

*

עס איז אבער וויכטיג צו נעמען אין באטראכט פון אנפאנג, אז אפילו מיט די אלע שיינע פשטים, מאכט זיך נאך געוויס מאל אז די יצר הרע טרעפט יא עפעס א הינטער טירל, און איז גורם אז מען זאל ח"ו נאכלאזן אביסל פון די ברען און חשק, דערפאר איז די עצה דאס צו וויסן פון פאראויס, און זיך נישט דערשרעקן, אדער ווערן צובראכן דערפון, נאר דאס אנקוקן ווי א נאטורליכע סדר, אז דאס דארף געשען, און מען נוצט דאס אויס פאר "ירידה לצורך עליה", זיך נאכאמאל צו דערהייבן, און אנהייבן מיט א פרישע התחדשות, און גיין ווייטער, און דעמאלטס קען מען נאך אנקומען אפילו העכער, מיט די בחינה פון "במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכלים לעמוד", א בעל תשובה מיינט נישט דוקא דאס פארקערטע פון א בעל עבירה, נאר עס קען מיינען דאס וואס מיר שמועסן, אזוי ווי די פשוט'ע אפטייטש פון די ווארט "תשובה" - צוריק קערן, איינער וואס קערט זיך צוריק צו זיין עבודה, פון נאכדעם וואס ער האט אביסל נאכגעלאזט, און דאס איז חשוב'ער ווי א "צדיק" וואס מיינט דער וואס עס קומט אים אן אביסל גרינגער, און האט נישט קיין נסיונות פון נאכלאזן.

צו דעם איז כדאי צוצושטעלן די מעשה וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק עבודת עבודה (שיח"ק), אז דער הייליגע'ר עטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע איז אמאל אריין צו זיין גרויסער רבי דער הייליגער חוזה מ'לובלין זי"ע, און אים געוויזן אז ער האט זיך פארגעשריבן א "סדר היום" ווי אזוי ער גייט אפרעכטן זיין טאג כל כולו קודש בעבודת השם יתברך, אנגעהויבן פון חצות הלילה פארן גאנצן טאג, און ער בעט אז דער רבי זאל אים געבן אן הסכמה און א ברכה דערויף, דער הייליגער חוזה האט באטראכט דאס צעטל, און נאכן איבערליינען די גאנצע סדר, האט ער געבעטן א פעדער, אז ער וויל עפעס צושרייבן, דער עטרת צבי האט זיך גאר שטארק געפרייט, אז נישט נאר דער רבי גיבט אים א הסכמה, ער לייגט נאך צו מער, אבער נאכדעם וואס דער רבי האט אים צוריקגעגעבן דאס צעטל, און ער האט געזען די ווערטער וואס ער האט צוגעשריבן איז עס געווען פאר אים זייער נישט פארשטענדליך, דער הייליגער חוזה האט צוגעשריבן צוויי ווערטער, "ולפעמים להיפך", האט דער עטרת צבי געפרעגט, ילמדינו רבינו, וואס מיינען די ווערטער, עס האט אים אויסגעקוקט ווי דער רבי מאכט אוועק די סדר היום, אז מען דארף נישט אזוי טון יעדן טאג, אפשר איז ער נישט ראוי דערצו, און ער איז נאכנישט אויף די מדריגה.

אבער דער הייליגער חוזה האט אים דאס געגעבן צו פארשטיין מיט א ליבשאפט, איך זעה דו האסט זיך פארגעשריבן זייער א דערהויבענע סדר היום, איך ווייס אבער דער סדר העולם איז, אז עס וועט זיך מאכן אזעלכע טעג וואס עס וועט דיר זיין שווער דאס צו אויספירן, צוליב וואס דער יצר הרע וועט דיך נישט צולאזן, דערפאר וויל איך זאלסט וויסן די כלל "ולפעמים להיפך" אסאך מאל דארף מען טון אנדערש, און דאס איז א חלק פון די סדר. ע"כ המעשה.

דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל, וואס רעדט פון זיך אליין, און מען דארף איינ'חזר'ן און געדענקן א גאנץ לעבן ביי א יעדע זאך.

מיט אט די הקדמות זענען מיר גרייט זיך צו הייליגן מיט די הייליגע "עבודות", און זיך גרייטן מיט א הכנה דרבה צום צענטן יומא דהילולא פון רבינו הקוה"ט זי"ע הבעל"ט, און עס וועט זיין א ריכטיגע "עשירי יהי' קודש", און דורך דעם וואס מיר ווילן מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן, און מיט דעם געבן א תענוג רוחני פאר די נשמת צדיק בגן עדן, און זוכה זיין צו אויספירן דעם רצון צדיק פון יבלחט"א כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א וואס פאדערט פון אונז כסדר צו נאכגיין אין די הייליגע וועג הסלולה לנו מרבותה"ק זי"ע. און בזכות זה ווילן מיר זוכה זיין צו אלע גוטע ברכות און השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, עדי נזכה לתחיית המתים, בביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.




# תלמידי ישיבתינו הק' מאכן די ריכטיגע הכנה צו די דערהויבענע מסע הקודש

אין א דערהויבענע שטימונג פון הכנה והתעוררות גרייטן זיך די תלמידי הישיבה מיטצוהאלטן די דערהויבענע מסע הקודש אינאיינעם מיט כל הקהל הקודש בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דורכאויס די לעצטערע טעג און וואכן זענען פארגעקומען א רייע דרשות ושיעורים דורך די חשוב'ע רמ"י ומגי"ש, וועלכע אלע אין זייער'ס גלייכן האבן במתק לשונם אנגעווארעמט די הערצער פון די תלמידים, מיט טרעפליכע ווערטער לקראת די געהויבענע טעג, און עקסטער מרחיב געווען בדיבור בגודל קדושת הצדיקים וואס מ'גרייט זיך פוקד זיין זייערע ציונים, און ספעציעל בגדלות בעל ההילולא רבינו השרף זי"ע, און אויפגעפאדערט זיך צוגרייטן בהכנה דרבה בלימוד ספרי החסידות כראוי וכיאות בעפאר אזא דערהויבענע נסיעה.

א ספעציעלע סדר חזרה איז איינגעשטעלט געווארן צוצופלייסן די תלמידים צו מאכן די ריכטיגע הכנה מיט לימוד התורה, דורך משלים זיין די בלעטער גמרא און די זייטיגע לימודי החבורות להשלמת וקנין המסכתא צום סיום הזמן, א עקסטערע לוח איז ספעציעל געדרוקט געווארן זיך צו קענען צייכענען די אלע שעות און לימודים.

אין א אויסערגעוועהנליכע שריט איז אויך פראקלימירט געווארן פאר די חשוב'ע תלמידים הקרוים בנים, אז די אלע לוח לימודי שעות ודפים וועלן איבערגעגעבן ווערן אין א קוויטל פאר מרן רבינו שליט"א, בעת די השתטחות על הציון הקדוש פונעם הייליגן בעל ההילולא רבינו השרף זי"ע.

*

ווי פארשטענדליך אנשפרעכט די ימי הנסיעה צו זיין גאר א געהויבענע איבערלעבעניש פאר די תלמידי השיבה, ווי מ'וועט זיך אנזאפן קדושה און התעוררות אויף א גאנץ לעבן, און פועל'ן ישועות ורפואות פאר זיך און פאר די דורות הבאים לעד ולנצח נצחים.

גלייכצייטיג טוט די נסיעה אויך דינען מטעם די געטרייע הנהלה וצוות הישיבה אלס די גרעסערע פרס מיוחד פאר די תלמידים נאכן זיך צוזשטעלן צו די סדרי הישיבה משך די פארלאפענע יאהר, נאכדעם וואס די געטרייע הנהלה האט אריינגעלייגט עקסטער גרויסע כוחות צו קענען צושטעלן גאר ביליגערע און צוגענגליכע פרייזן ספעציעל פאר די חשוב'ע תלמידי הישיבה.

*

משך די גאנצע נסיעה וועלן די תלמידי הישיבה פארן מיט ספעציעלע פריוואטע באסעס אינאיינעם מיט די צוות הישיבה, ווי בעפאר יעדע ציון פון א צדיק, וועלן די מגי"ש משמיע זיין טרעפליכע דברי התעוררות כהכנה לאמירת תהלים.

*

ויה"ר מ'זאל טאקע פועל'ן אלעס גוט'ס בזכות אבותינו ורבותינו הק', אנס"ו.










בס"ד

# לוח הכנה

נטהר לבינו בל"ב שעות רצופות
בסדרי הישיבה ונמטי להאי
יומא רבה בל"ב מוכן ומזומן!

– פרשת שלח –

שם:

| | לפני התפלה | שיעור עיון | שיעור פשט | שו"ע | כמה דפים קנית |
|---|---|---|---|---|---|
| א | | : | : | : | |
| ב | : | : | : | : | |
| ג | : | : | : | : | |
| ד | : | : | : | : | |
| ה | : | : | : | : | |
| עש"ק | : | | | | |
| שב"ק | | | | | |

בעז"ה נזכה את אשר כ"ק מרן רבינו שליט"א נכד בעל ההלולא זי"ע –יזכיר את שמותינו– הנקבים על לוח לבו הטהור בכל עת – אצל הציוה"ק בעצם יודהל"ק ויעורר רחמים בעדינו לפעול לנו כל טוב ובצד כל אחד ואחד יהי' מציון כמה דפים קנה במשך השבוע הזה כהכנה דרבה!

## בעוד שבוע אחד!









ארייינצושיקן בריוון צום עדור מאנ"ש לאנ"ש

שיקט א בריוו
11 Van Buren Dr. Unit 305
Monroe, NY 10950

שיקט א פעקס
845.230.6884

לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד
718.451.8674 Ext. 841


## יברך ה׳ מציון – גיין צום ציון פון א צדיק ווען מ׳קען נישט גיין קיין ציון וירושלים

א גוטן, כבוד מעלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש און די מערכת גליון באור החיים, צום ערשט וויל איך זיך באדאנקן פאר די הערליכע גליון וואס קומט ארויס וואך איין וואך אויס מיט א שטארקייט, און ס׳איז איבריג צו ארויסברענגען וויפיל ס׳איז מאחד כלל חסידי טאהש פון איבער די גארער וועלט, בכלל איז עס גאר א שיינע ארבעט, הערליכע מאמרים און ליקוטים, אזא שיינע גליון יעדע וואך, און ס׳איז ניכר די מורא׳דיגע ארבעט וואס מ׳לייגט אריין דערין.

ע׳טס האט׳ס א מורא׳דיגע זכות, און דער אייבערשטער זאל באצאלן פאר אלע וואס זענען עוסק דערין, ס׳זאל אויפטון וואס ס׳דארף אויפטון, ס׳טוט אויף און ס׳זאל ווייטער אויפטון, און איך בין זיכער אז די הייליגע רבי פון אויבן האט הנאה דערפון, ס׳איז מאחד זיינע תלמידים וחסידים, און מען ווארעמט זיך ווייטער אן בדרכיו אינעם אילנא דחיי, מיט כ״ק דער רבי שליט״א.

קומענדיגע וואך וועט דאך זיין די גרויסע נסיעה קיין טאהש אונגארן, האב איך געטראכט א מורא׳דיגע זאך וואס איך טראכט אריין, בערך פאר אכט יאר צוריק ווינטער ווען רבינו שליט״א איז געפאהרן א קורצע נסיעה לרגל כ״ג כסלו, האט דער רבי זאל זיין געזונט געזאגט בייים ציון פונעם סבא קדישא, האט ער זיך אנגערופן אז דער באר מנחם האט אמאל געזאגט, איך מיין ס׳שטייט אפילו אין עבודת עבודה, אז ס׳שטייט אין תהילים ״יברכך ה׳ מציון״ אז ס׳וועט אנקומען א צייט וואס מען וועט נישט קענען גיין צו ארץ ישראל, האט דער אייבערשטער געזאגט, ״יברכך ה׳״, דער אייבערשטער וועט דיך בענטשן ״מציון״, אנשטאטס מציון פון ירושלים, וועט עס זיין פון די ציון פון א צדיק. בשעתן נאכזאגן די דאזיגע דיבורים, האט זיך דער רבי זייער שטארק צווויינט דעמאלטס, ער האט ממש נישט געקענט קומען צום קול.

איך טראכט אז ס׳איז נישטא מער א פאסיגערע צייט ווי יעצט פאר די נסיעה, דער רבי זאל זיין געזונט נעמט זיך אונטער די נסיעה כ״ח סיון אין א צייט וואס מען קען נישט פארן קיין ארץ ישראל יעצט, און די צרות ישראל זענען ליידער זייער גרויס, פארט מען קיין טאהש אונגארן, מען גייט גיין צום ציון, זאל דער אייבערשטער העלפן ס׳זאל טאקע ווערן מקיום יברכך ה׳ מציון, און יעדער איינער בלי שום יוצא מן הכלל וואס פארט זאל געהאלפן ווערן מיט אלעס גוטס און אשר ישנו פה ואשר איננו פה, די וואס פארן פאקטיש, די וואס פארן במחשבה, און בכלל גאנץ כלל ישראל, אלע זאלן זוכה זיין צו ישועות למעלה מדרך הטבע, און פארשטייט זיך צו די ישועה כללית, ס׳זאל שוין זיין די גאולה און משיח זאל שוין קומען, ומלכינו דער רבי זאל זיין געזונט בראשינו במהרה.

הצלחה.



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שלח - תשפ"ה לפ"ק


## מאנטאג פר' בהעלותך

ביינאכט איז רבינו שליט"א אנגעקומען צום קבלת פנים ביים חתונה פון החתן שלום אלי' פעלבערבוים נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן מוה"ר שמואל יעקב הי"ו, עב"ג בת מוה"ר שאול יחזקאל האלפערין הי"ו, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, אנגעטון קיטל און גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

א שטיק צייט נאך די חופה איז דער רבי צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, ובפרט מיטן עלטער זיידע הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער שליט"א, דערנאך אנגעוואונטשן די חתן מחותנים און זיידע'ס ברכות לרוב.

## דינסטאג פר' בהעלותך

פארמיטאג האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויף א קורצע נסיעה קיין ניו יארק.

ביים אנקומען אין מאנסי האט דער רבי באשיינט די מעמד החומש סעודה אין תלמוד תורה עבודת משולם פייש. עס האט אויפגעטרעטן דער מנהל הרב ר' בערל מייזליש שליט"א, דערנאך הרה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א, דערנאך האט דער געטרייער מלמד הר"ר חיים ראטטענשטיין שליט"א געפרעגט די שאלות, און אנגעהויבן חומש ויקרא מיט די קינדער, און געזונגען הערליכע ניגונים. אויפן אויבן אן האבן באשיינט כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א, און הגה"צ אב"ד קאסאן הילקרעסט שליט"א וועלכע האבן א אייניקל אינעם תלמוד תורה, און אלע עלטערן און זיידע'ס האבן געשעפט הויפענעס נחת.

דערנאך האט זיך דער מלמד ארויסגעלאזט אין ריקודין מיט אלע קינדערלעך און עלטערן, דערנאך האט דער רבי געטיילט א סידור עבודת הלוי לתשב"ה, מיט א קיכן.

◆

שפעטער איז דער רבי ערשינען אין די זאלן פון אטריום פלאזא אין מאנסי, צום קבלת פנים און חופה פון החתן מאיר יצחק הכהן פישער נ"ו, וועלכע האט געטריי משמש געווען ביי רבינו שליט"א פאר עטליכע יאר, בן הרה"ח ר' בנימין הי"ו, עב"ג בת מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו מחשובי אנ"ש תושבי מאנסי. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, אנגעטון קיטל און גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

נאכן חופה האט דער רבי געדאווענט תפילת מנחה, און דערנאך געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה. דערנאך מיטן חתן, מחותנים, זיידעס וקרובי המשפחה, און אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

שפעטער האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין קרית יואל, וואו דער רבי האט געדאווענט תפילת מעריב בבית האכסניא.

דערנאך איז פארגעקומען א אסיפה איבער די הרחבת גבולי הקדושה פון די ישיבות הקדושות ישיבה קטנה און די נייע ישיבה גדולה אין ניו יארק. דער רבי האט איבערגעקוקט די בוי פלענער פון דעם נייעם בנין הישיבה גדולה, און געגעבן ברכת קדשו.

## מיטוואך פר' בהעלותך

אין די פריע פארטאגס שעה'ן איז דער רבי געגאנגען אין די מקוה מפוארה דישיבתינו הקדושה תפארת משולם פייש. דער רבי האט ארויסגעברענגט קורת רוחו פון די שיינע מהודר'דיגע מקוה, ובפרט זעענדיג בחורים זיצן און לערנען אין ביהמ"ד נאך פאר די סדרי וזמני הישיבה.

דער רבי האט געדאווענט תפילת שחרית בבית מדרשינו אין קרית יואל. דערנאך איז דער רבי ארויס צום בית החיים פוקד זיין ציון הק' פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, דערנאך ביים שווער כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב זצ"ל. דערנאך האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

## שבת קודש פר' בהעלותך

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע,

און דערנאך אראפ אין היכל הכוללים און געצינדן די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן ׳א גוט שבת׳.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הכוללים, ווי עס איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה״ג ר׳ ישראל ניימאן שליט״א אב״ד שערי תפלה לעיקוואד. במשכ׳ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די בחורים.

דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור פאר כל הקהל הקודש בהיכל ביהמ״ד הגדול, ווי עס זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: אדמו״ר מ׳זוטשקא קאראקאס שליט״א, אב״ד קלוזש שליט״א, הרה״ג ר׳ אלקנה חיים סג״ל קרויס שליט״א פון וומסב״ג, הרה״ג ר׳ ישראל ניימאן שליט״א, הרה״ח ר׳ יואל יאקאבאוויטש הי״ו, מוה״ר נתנאל פריעד הי״ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה״ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק לרגל די יארצייט פון אמו ע״ה, שיר המעלות הב׳ יעקב חיים אמסעל נ״י תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים הרב יקותיאל יודא פריעדמאן הי״ו פון מאנסי.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן ׳א גוט שבת׳.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה״ר שמואל יעקב פעלבערבוים הי״ו, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה״ר נתנאל פריעד הי״ו פון לעיקוואד, לוי הרה״ג ר׳ יעקב סג״ל קרויס שליט״א ר״מ בישיבתינו הק׳, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, שלישי הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק, רביעי החתן שלום אלי׳ פעלבערבוים הי״ו, חמישי מוה״ר ברוך פרושינובסקי הי״ו, ששי הרה״ח ר׳ לייב פעלבערבוים הי״ו פון מאנסי, שביעי הרה״ג ר׳ איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט״א, הוספות: הרה״ג ר׳ יואל יאקאבאוויטש שליט״א ר״י קראלי, החתן לייב פרושינובסקי הי״ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן. אחרון הרה״ג ר׳ ישראל ניימאן שליט״א פון לעיקוואד.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר האט עולה געווען הב׳ הבר מצוה בן מוה״ר מענדל ווייס הי״ו. הגבה מו״ה הערש אלימלך פרושינובסקי הי״ו, גלילה מו״ה יושע גרינבלאט הי״ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק. פתיחה צו אנעים זמירות הרה״ג ר׳ בנימין האפמאן שליט״א פון מאנטריאל.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה״ר משולם פייש גובנער הי״ו פון לאנדאן.

אז ביום השביעי מו״ה אליעזר זוסיא ווייס הי״ו פון מאנסי, ברהמ״ז על הכוס מו״ה אברהם טרעפ הי״ו.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה״ח ר׳ יעקב זוסמאן הי״ו משב״ק, די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה״ג ר׳ אלקנה חיים סג״ל קרויס שליט״א פון וומסב״ג, שני מוה״ר אהרן ברוין הי״ו פון מאנטריאל, שלישי מוה״ר שאול יחזקאל האלפערין הי״ו. הגבה כ״ק אדמו״ר מספינקא שליט״א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען מוה״ר נתנאל פריעד הי״ו פון לעיקוואד. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה״ח ר׳ פנחס ברוך האלפערין הי״ו, הרה״ח ר׳ יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי״ו מראשי קהלתינו הק׳, מוה״ר שאול יחזקאל האלפערין הי״ו, הרה״ח ר׳ לייב פעלבערבוים הי״ו פון מאנסי.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, שיר המעלות הב׳ חיים סג״ל טירנויער נ״י תלמיד ישיבה גדולה. מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן: הרה״ח ר׳ לייב פעלבערבוים הי״ו, הרה״ג ר׳ איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט״א, הרה״ח ר׳ אהרן קרויס הי״ו, הרה״ח ר׳ יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי״ו, הרה״ח ר׳ אפרים פישל פעלבערבוים הי״ו, הרה״ח ר׳ פנחס ברוך האלפערין הי״ו.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען מו״ה אברהם טרעפ הי״ו. נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מוה״ר שלמה יואל כהנא הי״ו, די הבדלה האט געהאלטן מוה״ר נחמי׳ בלוזענשטיין הי״ו פון לעיקוואד.

ביי די שיחות קודש האט דער רבי דערציילט פון הרה״ק מ׳ראדאשיץ זכותו יגן עלינו.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה. צווישן אנדערע זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי ישיבת קראלי, אזוי אויך א חבורה אברכים פון לעיקוואד בראשות הרה״ג ר׳ ישראל ניימאן שליט״א, דער רבי האט משמיע געווען קורצע דברות קודש, און

פארטיילט מטבעות קודש לברכה והצלחה.

## מאנטאג פר' שלח

נאכמיטאג איז פארגעקומען א שבע ברכות מיוחדת לכבוד החתן מאיר יצחק פישער נ"י משב"ק, צוגעשטעלט דורך בית רבינו שליט"א, בביתו נאוה קודש, וואו עס זענען געלאדענט געווארן משפחת רביה"ק זי"ע, ומשפחת רבינו שליט"א, והמשמשים בקודש, און די בני המשפחה. דער רבי האט מפאר געווען בראש המסובים.

במשך'ן סעודה האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א, און מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, וועלכע האבן ארויסגעברענגט די רגשי הכרת הטוב פארן הויז בחור, וועלכע האט אזוי געטריי באדינט רבינו שליט"א די לעצטע עטליכע יארן, אויספירענדיג מיט ווארימע ברכות, ער זאל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל און דורות ישרים ומבורכים אויפן הייליגן דרך עביגואה"צ.

דער רבי האט מכבד געווען מיט ברהמ"ז על הכוס דער מחותן מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו, און מיט די שבע ברכות האט דער רבי מכבד געווען: דער מחותן הרה"ח ר' בנימין פישער הי"ו, הרה"ח ר' משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א, הרה"ח ר' אהרן מתתי' פריעדלענדער הי"ו יו"ר ארגון רפואה וחסד מאנטריאל, הגה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, ברכה אחריתא דער זיידע הרה"ח ר' יוסף וואלדמאן הי"ו.

נאכן בענטשן האט מען זיך אויפגעשטעלט אין א פרייליכע ריקוד.






בעזהשי"ת





מסע הקודש

ויושר יליצו בעדינו חיות אש

אלע וואס זענען שוין אנגעשלאסן
און אלע וואס ווערן זיך נאך
אנשליסן אין מפעל פועל ישועות

ביז זונטאג קרח
5:00 נאכמיטאג

וועט כ"ק מרן רבינו
שליט"א מזכיר זיין
ביים "מסע הקודש"

ביי די ציונים הקדושים פון רבינו
השרף, רבינו הסב"ק זי"ע און ביים
הייליגען רבי ר' אלימלך זיעועכי"

ויה"ר מ'זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס

# ערב ר"ח תמוז
# איז מיטוואך

זמני תשובה
ממשמשין
ובאין

ראש חודש תמוז יהיה אי"ה יום ה'
ולמחרתו ערש"ק פרשת קרח

# איר אויך?

איבער
הונדערט
האבן
זיך שוין
איינגעשריבן

די טייערע צאן קדשים פון
ת"ת בית יודא ד'טאהש וועלן
אי"ה פוקד זיין על ציונו
של רביהקוה"ט מטאהש
זצוקללה"ה יעדן ערב ראש
חודש און אויסזאגן **אינאיינם
גאנץ ספר תהילים** און דערביי
דערמאנען אייער נאמען און
צינדען ספעציעל א ליכט
פאר אייך

מאכט זיכער
אייער נאמען
זאל אויבעט
ווערן דערמאנט
דורך די ילדי
התלמוד תורה

**$50** לחודש
$600 לשנה

די חשובע נדבנים
וואס זענען זיך
משתתף מיטן סכום

וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין,
ליינען אייער קוויטל און צינדן א ליכט
יעדן ערב ראש חודש ביים רבינ'ס ציון

**$36** לחודש
$432 לשנה

די חשובע נדבנים
וואס זענען זיך
משתתף מיטן סכום

וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין,
ליינען אייער קוויטל יעדן ערב ראש
חודש ביים רבינ'ס ציון

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות
און שטיצט דעם הייליגן רבי'נס ירושה

רופט יעצט אריין אין אפיס זיך איינצושרייבן
845.402.TOSH (8674)
tosh16bh@gmail.com


## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת מכות (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
42 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת קרח =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שלח | כ. | טז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | כ: | יז. | עט: | עו. |
| מאנטאג | כא. | יז: | פ. | עו: |
| דינסטאג | כא: | יח. | פ: | עז. |
| מיטוואך | כב. | יח: | פא. | עז: |
| דאנערשטאג | כב: | יט. | פא: | עח. |
| עש"ק | כג. | יט: | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת בלק

מס' עבו"ז: י.-כג: | מס' בבא בתרא: עא.-פ:


יר"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע
נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**